שנה ד'
נומער קמ"ד
**ראש השנה**
תשפ"ג

# קרית ברסלב בלעטל



בריון אפטיילונג:

**א יאר פון די פארגרעסערטע קרית ברסלב בלעטל.**

א בריון פונעם ראש ישיבה שליט"א:

**מיר קומען אין אומאן נאר צום רבי'ן.**

# אומאן ראש השנה תשפ"ג




**40 חתונות בחנם**
פאר מער ליינט ביי די נייעס אפטיילונג



**מיין נסיעה קיין אומאן אינטער די קאמוניזם**

# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:

מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, אברהם הערש וועבערמאן,
אברהם יצחק אייזנער, יחזקאל שרגא שארף, שמואל בער שניטצלער

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו אדווערטייזן אדער אריינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161

136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169

צו באקומען די וועכנטליכע גליונות און חיזוק יומי אויף אימעיל שיקט
א מעסעדזש צו chizikyomi@rabbiroth.org

WWW.BRESLEVCENTER.COM


## זמנים Liberty
פרשת נצבים כ"ח אלול
תשפ"ב

הדלקת הנרות.........06:36
מוצאי שבת............08:04

הדלקת הנרות ר"ה..06:32
מוצאי יום טוב........07:59

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 23 | 67°/44° | | Mostly Sunny |
| Sat 24 | 62°/45° | | Partly Cloudy |
| Sun 25 | 64°/49° | | Partly Cloudy |
| Mon 26 | 64°/45° | | Showers |
| Tue 27 | 63°/45° | | AM Showers |
| Wed 28 | 63°/44° | | AM Showers |
| Thu 29 | 63°/44° | | Partly Cloudy |
| Fri 30 | 64°/44° | | AM Showers |



געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
די וועטער מבינים ווייסן נישט אל־ץ ריכטיג
די וועטער — וואס גייט זיין
שיחות הר"ן רכ"א




א בריוו
הערליכע בריוו מיט אססאך שיינע נקודות
3



צום פינטל
מיינע געפילן פארנדיג קיין אומאן
10



שטעטל נייעס
כולל אינגעלייט פארהערן זיך הלכות מקוואות
13




היכל הקודש נייעס
גערוועוועטע אכציג מחותנים פון אינטערבערגער
14



נקודות טובות
בליצן און נאטיצן אויפן לעבן צו ניצן
20



נסיעה קיין אומאן
נסיעה קיין אומאן אינטער די קאמוניזם
22



## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אריבערגעצויגן אין שטעטל

**מו"ה יוסף פעלדמאן הי"ו**
**וזוגתו פריידל תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל.

## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אריבערגעצויגן אין שטעטל

**מו"ה נח הערש ווייס הי"ו**
**וזוגתו רחל לאה תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל.



בריוו צו די
# רעדאקציע

**וואס איר האט מעגליך פארפאסט**

לכבוד די חשוב'ע מערכת פון "קרית ברסלב בלעטל" הע"י.

אויב אויף די פארגרעסערטע בלעטל וואס איז ארויסגעקומען פאריאר לקראת ראש השנה אין איר הערליכע קאלירפולער פארמאט זענען אלע געווען מלא התפעלות אויף דעם הערליכן רייכן תוכנ'פולער אויסגאבע, וואס זאלן מיר זאגן יעצט ווען איר האט זיך נישט באגנוגנט מיט די אכט בלעטער, נאר ארייגעלייגט אן א שיעור כח און מח, ביז'ן דערגרייכן צו דעם הערליכן פולן אויסגאבע ווי עס האלט היינט, כה לחי!

אשריכם עורכים החשובים אויף די הערליכע אויסגאבע וואס איז קריסטאל קלארע ריינע וואסער געזיפט און געפילטערט פון יעדע סארט השפעה פון די וועלטליכע גאס, פאליטיק, לשון הרע, אומזיסטיגע פחדים און אנגסט, דמיונות, קרומע שיטות, וואס דאס אליינס וואלט שוין געווען כדאי בפני עצמו, בפרט אז עס ברענגט אריין דעם רבינ'ס עצות אויף אזא שיינע וועג, אויף דעם וועג פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו, לויט ווי דער ראש ישיבה שליט"א לערנט אונז; אמונה, אמונת חכמים, התבודדות ותפלה, שלום בית, תורה, שלום און וואס נישט...

* * *

ראש ישיבה שליט"א האלט און איין אריינפרעגלען אין אונז שמחה, זיין שטענדיג פרייליך און פאזיטיוו, און אפילו מ'האלט נישט דערביי זאל מען זיך מאכן פרייליך...

ביי די אפטיילונג "א סעודה מיט'ן ראש ישיבה" זעט מען אז על פי רוב הויבט זיך עס אן מיט שמחה, "דער ראש ישיבה איז אהיימגעקומען זייער פריילך", "דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן זינגען שלום עליכם זייער פרייליך", אדער "דער ראש ישיבה איז אהיימגעקומען מיט א פרייליכע 'גוט שבת!'" וכדומה; דאס איז אייגנטליך איינע פון די הערליכע מתנות וואס מיר באקומען פונעם ראש ישיבה, ווי דער ראש ישיבה פאדערט פון אונז צו זיין [אדער זיך מאכן] פרייליך אין אלע מצבים און אומשטענדן, און דער ראש ישיבה ווייזט אונז שטענדיג, ביי יעדע סארט געלעגנהייט ווי אזוי דאס צו פראקטיצירן.

א שטארקע שורה אין א שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א האט מיר געגעבן א שטארקע פערספעקטיוו, ווי ווייט די עבודה פון זיין בשמחה גייט, ביי די שיעור וואס דער ראש ישיבה האט געגעבן ביים סיום הש"ס פון הילד החשוב בנש"ק שמעון בר"י ראטה, דעם פארגאנגענעם מאנטאג פרשת שופטים. דער ראש ישיבה האט געבעטן די קינדער פון די כתה פונעם חתן התורה צו קומען טאנצן לכבודו א קאדאטשקע אין צענטער פון בית המדרש, נאטירליך האבן זיך די קינדער געשעמט, האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן: "קאדאטשקע איז א טאנץ וואס מען קען נישט, מ'מאכט אזוי מיט די הענט און די פיס", דער ראש ישיבה האט גע'פועלט, עטליכע קינדער האבן זיך צוזגעכאפט דערצו און אריין טאנצן פרייליך.

ברוך השם
ד ע ר



מיר האט אבער דער ווארט אנגעצינדן א לעמפל אין מח, נעמליך, ס'זענען דא טענץ וואס מ'קען, צום ביישפיל טאנצן ביי א חתונה, ביי א ברית, נאך די תפילות, שמחת תורה און אזוי ווייטער, נאכדעם זענען דא טענץ וואס מ'קען נישט, דאס הייסט זיין פרייליך אין מצבים וואס עס איז נישט נאטירליך צו טאנצן און זיין פרייליך, א שטייגער ווי 'מזמור לדוד בברחו מפני אבשלום בנו', דאס איז דער לימוד פון רבי'ן, ווייס און גלייב אז דער אייבערשטער איז מיט דיר, אלעס איז מיט א חשבון, און פריי זיך אויף די ציקערלעך וואס ליגן אין די צרה, צי אז עס וואלט געקענט זיין ערגער ח"ו, צי אויף די ישועות וואס מען זעט דורכאויס די שוועריקייטן, און אזוי ווייטער, טאנץ א טענצל וואס דו קענסט נישט, דערהאלט זיך טראץ די שוועריקייטן, צו דעם קען יעדער איינער זוכה זיין, ווי דער ראש ישיבה חזר'ט מיט אונז שטענדיג, דורכ'ן לערנען דעם רבינ'ס ספרים און זיך צוקלעבן צו זיינע ליכטיגע עצות און שכל.

"האסט א לעמאן?" זאגט דער ראש ישיבה; עס גייט דיר איבער ביטערקייטן, עס איז דיר זויער און ציפעדיג, ביסט באשאנקען געווארן מיט א שוועריקייט אין לעבן וואס דו קענסט זיך נישט אפשאקלען דערפון, "מאך דערפון פיינע געשמאקע זיסע לעמאנעיד", טרעף עפעס זיסקייט אין דיין צרה, בעט דעם אייבערשטן זאלסט טרעפן א וועג אנצוגיין טראץ דיינע שוועריקייטן.

* * *

אין א מעמואר פון א חשוב'ער איד וואו ער באשרייבט די שווערע ביטערע פיין און ליידן וואס ער האט נעבעך מיטגעמאכט דורכאויס די צווייטע וועלט מלחמה, און ווי דער אייבערשטער האט אים מיט גרויסע ניסים געהאלפן אויף טריט און שריט זיך ארויסצוראטעווען פון דארט, שרייבט ער אז א קינדערישע לעגענדע, זעט אויס מער ווי א פיקטיווע געשיכטע, וואס ער האט געהערט אלס קינד, האט אים זייער אינספירירט און אפטמאל אריינגעגעבן א חיות אנצוגיין ווייטער.

צוויי באשעפענישן זענען אריינגעפאלן אין א פאס מילך און וויפיל זיי האבן פרובירט האבן זיי זיך נישט געקענט ארויסזען פון דארט, ווען זיי האבן געזען אז זיי ווערן אט אט דערטרונקען, האט זיך איינער פון זיי מיישב געווען אז ער וועט פרובירן ארויפצוקרוכן ביז'ן ראם פונעם פאס און אזוי ארויסקריכן, ער האט זיך זייער געמוטשעט ביז ער האט באוויזן זיך צו זען נאנט צום ראם, ווען ער האט שוין ענדליך דערגרייכט דעם זוים האט ער שוין נישט געהאט קיין כח זיך ארויפצושלעפן דאך דאס ביסל, זיך איבערבייגן און זיך ארויסזען פונעם פאס, ער האט דעגרייכט צו אפיסת הכוחות, ביז ער האט זיך אפגעלאזט פונעם ראם און דערטראנקען געווארן אין די מילך.

דער צווייטער איז שוין געווען אביסל שעפעריש, ער איז נישט געגאנגען אויפ'ן וועג פונעם ערשטן, נאר ער האט געטראכט אז מילך, אויב מ'קלאפט עס אויף, מ'האקט דאס און מען שטויסט דאס - ווערט עס פיינע פעטע פוטער, האט ער זיך מיישב געווען אז ער וועט זיך נעמען קאפען מיט די פיס און קלאפן מיט די הענט ביז די מילך אין די פאס וועט ווערן פארגליווערט און הארט, אזוי וועט ער קענען ארויפקריכן דערויף און צוביסלעך זיך ארויסזען פונעם פאס, וכך הוה.

דער איד ברענגט ארויס אז אפטמאל האט ער געדארפט זיין גוט שעפעריש אויפצוקומען בסייעתא דשמיא מיט וועגן צו טרעפן עפעס עסן אריינצונעמען אין מויל, אדער זיך ארויסזען פון אונטער די הערשאפט פון א סאדיסטישער קאפאו וכו'.

אבער א ברסלב'ער חסיד קען זען אין דעם נאך א קנייטש, עס איז דיר ביטער, דו שפירסט דו ווערסט דערטראנקען אין דיינע צרות, פאטש און טאנץ אביסל, פריי זיך מיט וואס דו קענסט יא, און בעט דעם אייבערשטן, וועסטו זען דו וועסט טרעפן א וועג ארויס פון די צרה, אפטמאל אן אומגעראכטענע וועג...

* * *

אום חודש אלול לערנט אונז אויך דער ראש ישיבה צו זיין פריילך, נישט חס ושלום ווי מאנכע טראכטן און מיינען אז דאס איז אן אומעטיגע און

פארכמורעטער חודש, נאר אדרבה, א חודש פון ליבשאפט פונעם אייבערשטן, א חודש וואס דער הייליגער באשעפער שטרעקט אונז אויס די הענט, קומטס קינדערלעך צו מיר, קערטס ענק צוריק צו מיר.

דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט אין א בריוו: דער רבי האט דערציילט (חיי מוהר"ן, סימן צו) אז ער האט זיך אמאל גע'חלומ'ט ווי ער זוכט א פלאץ וואו צו הערן שופר בלאזן, און ער איז אריבער א שטוב וואס מען האט ארויס געהערט פון דארט טאנצן, שפרינגען און פאטשן וכו', וכו', "עָנִיתִי וְאָמַרְתִּי, הֲלֹא לְכַאן בְּוַדַּאי טוֹב לִכָּנֵס לִשְׁמוֹעַ קוֹל שׁוֹפָר", האט דער רבי געזאגט: "דא איז גוט אריין צו גיין הערן שופר בלאזן"; האבן מיר ארום גערעדט [ביי שלש סעודות] פון זיין בשמחה, זיין פרייליך, און ווען א מענטש איז פרייליך איז א סימן אז דער אייבערשטער איז אים מוחל אלע עבירות.

דער ראש ישיבה שליט"א זאגט כסדר נאך, און שרייבט אין די בריוון, דעם ווארט פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו: "ווילסט וויסן אויב ביסט אין די קדושה, אדער ח"ו פארקערט; די סימן איז אויב מען איז פרייליך, דאס איז א סימן אז מען איז ביי די קדושה", לעצטנס, דאכט זיך מיר ביי איינע פון די באטעס, האט דער ראש ישיבה צוגעלייגט: "ווילסט וויסן אויב דו האלסט ביי תשובה, זע אויב דו ביסט פריילין, דאס איז א סימן אז דו האלסט ביי תשובה".

* * *

אזוי ווי לעצטנס, זינט די מערכת האט ארויסגעשטעלט דעם הערליכן בילד פונעם רבי'ן זכותו יגן עלינו מ'סאטמער, האבן עטליכע חשוב'ע ליינערס אריינגעשיקט מראה מקומות ווי דער רבי זכותו יגן עלינו ברענגט אראפ דעם הייליגן רבי'ן, און נאך פארשידענע עובדות איבער די שייכות און שעצונג פון רבינו הקדוש מ'סאטמער צום הייליגן רבי'ן.

אף אני אענה את חלקי בעז"ה.

עס איז פארהאן א ספר "נר דוד", אויף אידיש, וואס עס האט מחבר געווען א תלמיד פונעם בעל ייטב לב זכותו יגן עלינו, דער ספר איז געדרוקט געווארן קרוב צו הונדערט יאר צוריק, אין יאר תרפ"ז, דער נאמען פונעם מחבר איז פארהוילן.


בעזה"י

ספר

נר דוד

דאס ספר איז זייער איין שיין

מוסר ספר

פיר דיא היינטיגע מענשען. דאס איז איבער זעטצט געווארען פין לשון קודש אויף יידיש דייטש. זעהע אין דער הקדמה (פאררעדע).

דאס וואר נאך קיינמאהל ניכט געדרוקט, איך האפפע צוא השי"ת דאס עס ווירד ביא יעדען חן האבען.

דער איבערזעטצער איזט אונבעקאנט.

שנת תרפ"ז לפ"ק.

נדפס בדפוס המשובח והמפואר של הרבני הנגיד מו"ה יעקב ווידער נ"י

סעאיני (ס.-ווארהאל) מחוז סאטמאר, ראמניה.

**שער בלאט פונעם ספר נר דוד**

מיר וועלן באלד צוריק קומען צום ספר נר דוד, אבער לאמיר דערוויל גיין א טריט ווייטער. דער ספר "נר דוד" איז א ליקוט פון אויסצוגן פונעם ספר "משפט צדק" אויף תהילים איבערגעטייטשט אויף אידיש.

דער ספר "משפט צדק" האט מחבר געווען הרה"ק רבי משה בן רבי גרשון מזאלשין זצ"ל, פון די חשוב'ע תלמידים פונעם הייליגן חוזה פון לובלין זצ"ל, ער איז געבוירן געווארן אין יאר תקמ"ט און נסתלק געווארן ערב ראש חודש אב, שנת תקצ"א.



תהלים
עם ספר
משפט צדק

שושני לקט

**שער בלאט פונעם ספר משפט צדק, ערשטע דרוק, שנת תקצא.**

דער ספר "משפט צדק" איז נישט די איינציגסטע ספר וואס ער האט מחבר געווען, אויסער דעם ספר "משפט צדק" האט ער אויך מחבר געווען דעם ספר "תיקוני שבת", און דעם ספר "גאולת ישראל".

דער ספר "תיקוני שבת" טראגט אן אינטערעסאנטע היסטאריע אין חסידות ברסלב, ווייל דער הייליגער רבי נתן ברענגט אראפ דעם ספר אין שיחות הר"ן, סימן קמ"א.

רבי נתן שרייבט דארט בתוך הדברים: "דאס וואס דער בעל מחבר פון ספר 'סדר תיקון שבת' ברענגט [די תיקון הכללי] בשם דעם ספר 'עשרה הלולים' [און נישט פון רבי'ן] איז נישט ריכטיג, ווייל קוק אין ספר 'תקון מועד' וואו עס ווערט בפירוש אראפגעברענגט פון הייליגן רבי'ן", עיי"ש.

רבי נתן באציט זיך צו דעם שטיקל אין ספר "סדר תיקון שבת" (געדרוקט צום ערשטן מאל אין ווארשא, אין יאר תקפז), וואו דער מחבר, דער בעל "משפט צדק" ברענגט אראפ דעם שטיקל (אינטערעסאנט אז עס שטייט קאפיטל קל"ט אנשטאט קל"ז, ווי אויך שטייט אז מען זאל פאסטן יענעם טאג):



www.hebrewbooks.org

תיקון שבת

ווארשא

Za pozwoleniem Zwierzchności

**שער בלאט תיקון שבת**



בספר עשרה הילולים

און רבי נתן זאגט אז אין עטליכע ספרים ווערט אראפגעברענגט די תיקון הכללי, אבער אלץ בשם דעם רבי'ן, א שטייגער ווי אין ספר תיקון מועד וואס איז געדרוקט געווארן אין יאר תקע"ג, נישט לאנג נאכן רבינ'ס הסתלקות, און ער ברענגט דעם

תיקון הכללי בשם דעם רבי'ן (עמוד טז ע"ב):

(עס איז מערקווירדיג אז ער שטעלט דאס אריין ביי ערב ראש השנה).


וידבר משה את מעדי יי אל בני ישראל :
סדר
תיקון מועד
שחיבר הרב החכם המופלא מוהר"ר שמואל ז"ל דיינא רבה דק"ק גלוגא : והוא כולל סדר לימוד משנה עם מאמרי זוהר בענייני של חג בחג · אף זה רבות בשנים שנדפסו עם תיקון שבת שחיבר איש אלקים האר"י ז"ל · וכבר נתפשטו בכל תפוצות ישראל להדפיס סדר תיקון שבת בכל הסידורים · וסדר תיקון מועד לא נמצא כי אם אחד במדינה ולזאת נשא לבו של הרבני מוהר"ר בנימין · בהרבני מוהר"ר אביגדור להדפיסו מחדש · וגם הוגהו תפלות של
ליקוטי צבי
נדפס
בשנת תקע"ג לפ"ק
פה
טארנאפאל
בדפוס השותפים הרבני מוהר"ר יעקב אוירבאך : והרבני מוהר"ר נחמן פינעלעם :

ספר תיקון מועד


תיקון מועד
איתא בליקוטי הרן וז"ל כי אלו העשרה קפיטל תהלים שצריכים לאומרם באותו יום שאירע לו ח"ו מקרה בלתי טהור :
טז לב מא מב נט עז צ קה קלז קן
וגם שזוכה לאומרם באותו יום אין צריך עוד לפחוד כלל מפגם הגורא של המקרה ח"ו
בכניסתו לבה"כ בליל ר"ה קודם ערבית אומרים תפלה זו
אָהוֹת קְטַנָּה תְּפִלּוֹתֶיהָ · עוֹרְכָה וְעוֹנָה תְּהִלּוֹתֶיהָ · אֵל נָא רְפָא נָא לְמַחֲלוֹתֶיהָ תִּכְלֶה שָׁנָה וְקִלְלוֹתֶיהָ : בְּנוֹעַם מִלִּים לָךְ תִּקְרָאֶה · וְשִׁיר וְהִלּוּלִים כִּי לְךָ נָאֶה · עַל מַה תַּעֲלִים עֵינְךָ וְתִרְאֶה · זָרִים אוֹכְלִים נַחֲלוֹתֶיהָ · תִּכְלֶה שָׁנָה וְקִלְלוֹתֶיהָ :

על כל פנים, לאמיר צוריקגיין צום ספר "נר דוד" וואס איז צאמגענומען פון ספר "משפט צדק".

ביים סוף פונעם ספר (עמוד פב) ברענגט דער מלקט א "תיקון על חטא הכללי", אויסגעשפרייט אויף דרייצן עמודים, מיט פארשידענע תחינות און בקשות.

צום ערשט ברענגט ער אראפ א שטיקל פון ספר ייטב לב פרשת נשא, איבער די וויכטיגקייט פון מתקן זיין תיקון הברית, נאכדעם שרייבט ער איבער די הארבקייט פון דעם חטא, און אז ליידער טוט מען נישט תשובה דערויף וכו', דערנאך שרייבט ער אזוי (איבערגעטייטשט אויף אידיש): "דעריבער קום איך דא מודיע זיין וואס איך האב מקבל געווען פון מיינע רבי'ס, דער הייליגער ייטב לב זכותו יגן עלינו, פון סיגעט, און פון זיין זון, זיין ממלא מקום, בעל קדושת יום טוב זכותו יגן עלינו, זיי זענען נישט געקומען שווערער מאכן פאר'ן זינדיגער מענטש, אדרבה, נאר אים געבן גרינגע זאכן צו טון, און דאס איז וואס מיין רבי דער קדושת יום טוב זי"ע האט מיר געוויזן אין ספר ליקוטי עצות, פונעם הייליגן מוהר"ן זצ"ל, וזה לשונו, 'תיקון גדול למקרה לילה, חס ושלום, לומר עשרה קאפיטל תהילים וכו'", און ער ברענגט אראפ די צען קאפיטלעך פון תיקון הכללי:


להבין מהם מה פגמו ומה תקנתם ע"כ אבוא בזה להודיע מה שקבלתי מרבותי הלא המה אדמו"ר הגה"ק בעל ייטב לב מסיגעט ומבנו ממלא מקומו בעל קדושת יו"ט זצוקל"ל ואח"ז מצאתי דבריהם והם לא באו להעמים על החוטא אדרבה רק ענינים קלים ואת זה אשר הראה לי מו"ר הק' בעל קדושת יו"ט בספר לקוטי עצות להקדוש מוהר"ן זצ"ל וז"ל תיקון גדול למקרה לילה ח"ו לומר עשרה קפי' תהלים לאותו היום ואלו הן :

| | | | |
|---|---|---|---|
| מכתם לדוד קפיטל . . . | טז | למנצח על ידותון . . . . | עז |
| לדוד משכיל " . . . | לב | תפלה למשה . . . . | צ |
| אשרי משכיל " . . . | מא | הודו לה' קראו בשמו . | קה |
| כאיל תערוג " . . . | מב | על נהרות בבל . . . . | קלז |
| למנצח אל תשחת . . | נט | הללו אל בקדשו . . . . | קן |

ומי שזוכה לאומרם באותו היום אין צריך לפחוד עוד מהפגם הנורא של המקרה ח"ו כי בוודאי נתקן ע"י עבלה"ק.

זענען מיר באשיינפערליך אז ברסלב מיט סאטמער זענען בכלל נישט קיין סתירה חס ושלום, אדרבה, ווי מיר זענען האבן די הייליגע רבי'ס און צדיקים פון די סאטמערע גזע גאר מעריץ געווען און צוגעשטיפט צו זאגן דעם תיקון הכללי, און זיי

האבן עוסק געווען אין די ספרים פון הייליגן רבי'ן.

(עס איז דעריבער מערקווירדיג וואס דער מו"ל פון תהילים מיט'ן פירוש עצי חיים ברענגט אין די הקדמה אויפ'ן תהילים, אז ער האט געפרעגט דעם רבי'ן דעם ברך משה זצ"ל אויב ער האט עפעס א מסורה אויף תיקון הכללי פון זיינע עלטערן, האט ער געזאגט אז נישט; ווארשיינליך האט דער מו"ל נישט קלאר געפרעגט, אדער נישט קלאר פארשטאנען וואס דער ברך משה האט אים געענטפערט, וצ"ע).

* * *

אין בלעטל נומער קמ"א, דערציילט האברך החשוב יצחק מרמורשטיין הי"ו פון הר יונה א מורא'דיגע מעשה פון תפילה, ווי דורך העלפן דרוקן עצתו אמונה האט ער מצליח געווען מיט זיין דאון פעימענט.

האב איך געוואלט מיטטיילן מיט די חשוב'ע ליינער די פרטים איבער דעם קונטרס.

צוויי חשוב'ע אינגעלייט פון די בני ברק'ע חבורה וועלכע האלטן מיט וואך איין וואך אויס ווי די קונטרסים עצתו אמונה מתורגם ווערן צוכאפט דורך יונג און אלט, מענער, פרויען און קינדער, האבן געטראכט אז עס איז צייט דאס צו נעמען צו נעקסט לעוועל, אומר ועושה, מ'האט צאמגענומען אומגעפער פיפצן בריוון וואס רעדן זיך פון פארשידענע ערליי נושאים און דאס שיין אויסגעשטעלט מיט א ציענדיגע דעקל און געדרוקט דערפון צען טויזנט קונטרסים, אויף א קליינע באקוועמע פארמאט, וואס ווי די מפיצים געבן איבער, פארט דאס זייער גרינג אריין אין בוזעם טאש, און מענטשן כאפן דאס ארויס פון די הענט פון די מפיצים.

בייגעלייגט איז א בילד פונעם קונטרס, און ווי עס קומט ארויס פון דרוק:



אין אנדערע נייעס פון "מכון עצתו אמונה" איז דעם פארגאנגענעם וואך שוין געווען צו באקומען די ערשטע תורה אין ליקוטי מוהר"ן מיט די ערשטע תפילה, מיט'ן אידישן פירוש "שפתי תפתח" פונעם ראש ישיבה שליט"א. עס האט זיך אנגעזען א גרויסע שמחה ביי אנשי שלומינו ביי דעם היסטארישן מאמענט, ווען עס קומט צום ערשטן מאל ארויס א פירוש און ביאור השוה לכל נפש אויף די אידישע שפראך אויפ'ן הייליגן רבינ'ס ספר:



ווייסט וואס צו טון, אזוי איז דער וואס לעבט מיט'ן באשעפער, ער זוכט דעם אייבערשטן אין יעדע זאך - דעם איז אויף ליכטיג, מען ווייסט וואו צו גיין, מען ווייסט וואס מען האט צו טון.

דאס איז געווען די עבודה פון יעקב אבינו וואס ער האט דאס אריינגעלייגט אין דיינע קינדער ביז סוף כל הדורות, אידישע קינדער זאלן לעבן מיט אמונה,

וזה בחינת (משלי ד): "וארח צדיקים כאור נגה הולך ואור עד נכון היום". וזה בחינת חי"ת — לשון חיות, (א). כי החכמה והשכל הוא החיות של כל דבר, כמו שכתוב (קהלת ז): "החכמה תחיה" וכו'.

אך מחמת שאור השכל גדול מאד, אי־אפשר לזכות אליו כי אם על־ידי בחינת נון שהוא בחינת מלכות,

וזה בחינת (משלי ד, יח): 'וארח צדיקים כאור נגה הולך ואור עד נכון היום' דאס איז די מדריגה פון די צדיקים, זיי לעבן שטענדיג מיט'ן אייבערשטן, אזוי ווי עס שטייט, 'וארח צדיקים' די וועג פון צדיקים, 'כאור נגה' איז אזוי ווי די ליכטיגקייט אינדערפרי, 'הולך ואור' וואס שיינט

מען זאל גלייבן אז עס איז גארנישט דא אויסער דעם אייבערשטן. און דאס טוען די צדיקים שבכל דור ודור, זיי זענען זיך מוסר נפש פארן אייבערשטן, זיי לעבן מיט אזא שטארקע אמונה, זיי זוכן אין יעדע זאך דעם אייבערשטן. דעריבער שיינט זיי שטענדיג דער מח, זיי זענען און הערן




אסיים מעין הפתיחה, נאכאמאל א גרויסן דאנק פאר'ן אהערשטעלן אזא רייכע ווערק, ובשם ה' תמשיכו ותצליחו מיט די עבודת הקודש.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן אלע זוכה זיין צו א כתיבה וחתימה טובה, און צו א פרייליכע געשמאקע יאר, ווי תשפ"ג איז ראשי תיבות: ת'הא ש'נת ג'אר פ'רייליך, אמן.

בהערכה

יואל שניצלער, ברסלב ליבערטי

### געקויפט א טיקעט אין זכות פונעם בלעטל

לכבוד די חברי המערכת פונעם בלעטל שיחיו

קודם וויל איך באדאנקען פאר די הערליכע ארבעט וואס איר לייגט אריין יעדע וואך, איך בין מיך ממש מחיה, מיט די אלע שיינע הערליכע ארטיקלען און מעשיות.

אויב טראכט איר צו אייער בלעטל טוט עפעס אויף וויל איך אייך זאגן, איך האב געטראכט אז היי יאר פאר איך נישט קיין אומאן אויף ראש השנה, איך בין טאקע געפארן אלע יארן, חוץ תשפ"א ווען מען האט נישט געקענט, אבער איך האב געטראכט אז דאס יאר איז אנדערש, איך האב געזען אין די צייטונגען אז עס איז א סכנה, און מען זאל נישט פארן, איך מוז אייך זאגן אז נאכן אזוי לאכן פון די ארטיקל "רויע מאטריאל אין בעפארברייטונגען צו אומאן", עס איז צום פינטל און עס האט ממש אנגערירט מיין פינטל, איך האב געטראכט משוגע... ממש ווי ער שרייבט דארט, ווער זאגט אונז אז עס איז א סכנה, דאס זענען דאך די זעלבע וואס האבן אונז 'געראטעוועט' פון קאראנא ווען זיי האבן אונז פארשפארט אינדערהיים, פארשפארט אונזערע שולן, מקוואות, חדשים, משוגע געמאכט מיט מאסקעס, און די זעלבע וואס האבן געפאמפט זייערע צודרייטע קרומע לינקע שיטות, זיי פאמפן יעצט אז עס איז א סכנה צו פארן קיין אומאן.

איך האב אזוי הנאה געהאט פון די דעקל ווי איר שרייבט אז על פי הוראות הרבנים איז נישט קיין שום פראבלעם צו פארן קיין אומאן, עס איז בכלל נישט קיין מקום סכנה, ווער ווייסט אפשר אז איר וואלט געווען אין די צייטן פון קאראנע וואלט איר אויך ליצנות געמאכט פון גאווערנער קאומא וואס האט געשפילט מיט די נומערן, יעצט איז קאראנא ארויף יעצט איז עס אראפ, יעצט מעגן צען מענטשן זיצן אפגעריקט זעקס פיס, יעצט דארף מען גיין מיט דריי מאסקעס, בקיצור פאר ווער עס געדענקט נישט, א קליינע דערמאנונג, אונזער גערערטער דאקטער פאוטשי.

מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועל איך זיין ראש השנה אין אומאן.

יישר כח פארן דינען ווי א פלאטפארמע פאר ליצנותא דעבודה זרה.

חילכם לאורייתא, כה לחי.

מ. ב. - מאנסי ניו יארק יצ"ו

# צום פינטל.

# מיינע אינערליכע געפילן שפרייזענדיג צו אומאן.

עס טאנצט זיך שוין, מען פארט דאך שוין צום רבי'ן, זייט מיר מוחל איך קען נישט איינזיצן, איך שפרינג און טאנץ, איך פאר צום רבי'ן, איך קען נישט צוזאגן אז עס וועט ארויסקומען עפעס א פינטל, אבער מען מוז דאך עפעס שרייבן, בפרט אז דאס איז די סאמע לעצטע ארטיקל פון דעם יאר תשפ"ב, עס איז נישט דא וואס צו שרייבן, און עס איז דא אזויפיל צו שרייבן, מען קען אנהייבן פון אלף, פון אלעס וואס עס האט זיך אפגעשפילט דעם יאר פון מוצאי ראש השנה תשפ"ב ביז יעצט די לעצטע טעג פונעם דרייצענטער חודש, ווען מיר גרייטן זיך שוין מיט אזא שמחה צו פארן צום הייליגן רבי'ן.

עס איז אריבער א חודש תשרי, א חודש חשון, אוי א כסלו, א חודש טבת, שבט, א חודש אדר, אה נאך א אדר, ניסן אייר סיון, נו! תמוז, אב, אלול און מיר גייען שוין ארויס פונעם יאר, פון איין זייט א יאר אנגעפילט מיט אזויפיל גוטע זאכן נאר טראכטנדיג פון וויפיל ברכות מיר האבן צאמגעזאגט דעם יאר יעדן טאג הונדערט ברכות טיימס דריי הונדערט פינעף און זעכציג נו! איך קען נישט רעכענען, העלף ארויס ביטע, איך בין דאך נישט עעעעע-דזשיוקיעיטעד, אבער דער קאלקעלעטאר זאגט אז דאס קומט אויס 35,600 מען קען אים גלייבן נא! ס'איז א גומזא מיין קאלקעלעטאר האט אנגעהויבן פאנטאזירן... קען זיין אז ער איז אויך נישט אריבער קיין סעקולערע בילדונג, מען דארף באטראכטן זיין בעטשלער'ס דעגרי, על כל פנים אזוי זאגט דער קאלקעלעטאר, אך איך מיין ער מאכט א טעות, ווייל איך זע אז מענטשן דרייען זיך מיט אראפגעלאזטע נעזער, קען דען זיין אז איינער וואס קומט מיט אזויפיל זכותים זאל גיין מיט א אראפגעלאזטע נאז?

קוק אהער ווייסטו וואס ברענג דיין קאלקעלעטאר און לכו נא ונוכחה, ביז דערווייל איז מיין קאלקעלעטאר ידו על העליונה, אזוי פיל מאל האבן מיר געזאגט ברוך אתה, איך דאנק דיר השם דער אייבערשטער.

מיר קומען מיט זעק און פעק צום ראש השנה, ווילסט נישט אז איך זאל גיין ווייטער, עס איז צו פשוט דו ווילסט מער שרייבעריש אזוי ווי יעדע וואך, איך קען דיר נישט העלפן, לאלקים פתרונים, איך קען נאר שרייבן דאס וואס דער אייבערשטער הייסט שרייבן.

מיר קומען מיט זעק פון תפילות, זעק פון שבתים, זעק פון ימים טובים.

אוי די מצות וואס מיר האבן געכאפט אין די ימים טובים, פארגעס נישט אז תשרי איז שוין געווען די יאר, וואו די אלע סעודות שבת און יום טוב, עס זענען מצוות עשה מ'דאורייתא,



די אלע שופר וואס מיר האבן געהערט, און די פרויען וואס האבן נישט געהערט באקומען שכר פארן טוישן די בעיבי און אפווישן די נאז, טוישן לאנדרי, בלייבן אינדערהיים ווען דער מאן גייט ארויס פאר שחרית מנחה מעריב.

איך האב נישט קיין כח ווייטער צו ציילן, אבער איין זאך איז זיכער אז מיר קומען מיט זעק און פעק פון זאכן וואס מיר האבן געפאלגט דעם אייבערשטן, צו דו ווילסט יא צו דו ווילסט נישט.

גיב נאר אכטונג אז דו זאלסט זיך נישט אנטרעפן אינעם שלאנג, אויטש! א ביס פון א שלאנג איז נישט ווייטאגליך, א ביס פון א בין איז ווייטאגליך, אבער פון א שלאנג איז פאטאל, דו ווייסט מסתם נישט וואס עס מיינט פאטאל וועל איך דיר זאגן, א ביס פון א שלאנג הרג'עט דעם מענטש, און באלד טרעפסטו אן דעם שלאנג, רעד נישט מיט אים הער אים נישט אויס, ווייל ער גייט דיך הרג'ענען, ער גייט דיך זאגן, מיט א ערנסטע שמייכל הע! דו קומסט מיט ליידיגע זעק, אזוי פאר'גוי'אישט אזוי פארגרעבט, אזא מענטש ווי דו, אזא דאווענען ווי דו, אזא אפגעכאפטע ברכה ווי דו, אזא תפילין ווי דיינע, ער וועט זיך נאך געבן אזא וויש דאס נאז און מיט די אויגן מאכן אזא שטערקערע בלינק, און גארנישט זאגן נאר עס וועט ארויסקומען אזא קול נו! וואס זענען שוין די אלע זאכן ווערט, אזוי גרייט מען זיך צו א ראש השנה, מיט דעם קומט מען.

שטיי ווייט איך בעט דיך שטיי ווייט פונעם נחש הקדמוני וואס האט שוין א רעקארד פון וויפיל ער האט שוין גע'הרג'עט מיט זיין שלעגנליכער בייג מיטן קעפל און אזוי אוועקגעמאכט דאס גאנצע תורת משה, וואס איז דען ווערט? וואס איז ווערט פרעגסטו? איך דאווען, איך מאך ברכות, איך טו מצוות איך עס מצה, איך לייג תפילין, איך צי' אויף קינדער און טו אלעס אין דער וועלט וואס דער אייבערשטער האט געשריבן אין די תורה, אין גמרא אין שלחן ערוך, נו קום מיט א אויסגעדראשענע שיחה פון וועם? זאג מיר פון וועם? ווער איז שטערקער פון די הייליגע תנאים ואמוראים, דער הייליגער שלחן ערוך, און אודאי דער הייליגער רבי.

איך האב פאר דיר נייעס טייערער נחש, טייערער עקרב, טייערער צפעוני, איר האט אויך פילע פולע זעק מיט מצוות, יא! מיר גרייטן זיך צום יום הדין, מיר שטייען אין די לעצטע טעג פון דעם יאר, מיט וואסערע פנים קומען מיר צום אייבערשטן, מיט א זויער פנים? שעם אן יא! מיט אזא פנים קומסטו צום מלך מלכי המלכים, אזוי ביליג זענען ביי דיר דעם אייבערשטנ'ס מצוות אז דו קומסט מיט א צובראכנקייט צום הייליגן יום הדין, עס איז דאך א פחד פחדים, מען גייט דאך אונז אלע דן זיין.

טראכסט נישט אז די ערשטע זאך גייט מען אפיר נעמען דיין בליק אויף דאס גאנצע אידישקייט, אזוי פארשעמט זענען די תורה און מצוות ביי דיר, דער אייבערשטער האט דיר געשאנקען א יאר געפאקט מיט מצוות מיט תפילות, שעמס דיך נישט פון דיר אליין אזוי ביליג צו האלטן די הייליגע טייערע לעכטיגע מצוות, די הייליגע טייערע לעכטיגע ווערטער וואס דו האסט גערעדט צום אייבערשטן.

בפרט אז דו ביסט נישט קיין גוי, און בפרטי פרטיות אז דו האסט זוכה געווען צו קומען צום רבי'ן אויף ראש השנה, און דו! יא דיך מיין איך! וואס דו ווייסט א גאנץ יאר אז דו זאלסט קענען זיין ביים רבי'ן אויף ראש השנה און די ביסט נישט אנגעקומען, אבער דאס הארץ ווינט דיר, דאס הארץ



ברענט דיר אויס אוי! אוי! אוי איך וויל זיין ביים הייליגען רבי'ן, טראכסטו א רגע אז דו ביסט נישט ביים רבי'ן.

און לאמיך דיר זאגן לשמחה מה זו עושה, **תמיהין ושיילין ליה**, די אלע גוטע אידן זיי אלע פרעגן... **מנן ומן הוא רחימך** ווער איז דיין ליבהאבער ווער ארום דיביגניה ספיתצו ליידן ביטער און שווער, ווער איז דאס ווער... וואס פאר אים ביסטו גרייט צו וואוינען בגור אריוותא אין לייבן גרוב, אוי! ווי קען מען לערנען מיט אים ברטנורא, וואס ווייסט ער פארוואס מיר זענען אזוי פרייליך, אזאוי צוגעבינדן אזוי איינס מיטן הייליגן רבין.

ווי קען מען דאס מסביר זיין, וואס דער הייליגער רבי געבט אונז יעדע רגע פון אונזער לעבן, דער רבי האט אונז געגעבן א מתנה אונז אויסגעקליבן אז מיר זאלן זיין פון די קליין הייפעלע אידן וואס קומען אויף ראש השנה צו אים, אוי וויל זיך שפרינגן אוי וויל זיך טאנצן.

א ווינדער אז די צום פינטל די וואך איז אזוי צעפראסקעט, איך שרייב עס מיט שכרות איך בין פארטייבט, איך בין פאר'שיכור'ט, איך האב געמיינט אז מען וועט נישט קענען פארן היי יאר, און איך בין זוכה צו פארן, נעם מיך מיט א פלעין מיט א טרעין, מיט א דאס מיט א שלעפ, מיט עסן אן עסן, מיט שלאפן אן שלאפן, מיט דאווענען אן דאווענען, אבער ביים רבי'ן בין איך אויף ראש השנה.

אוי דאס הארץ בענקט צום רבי'ן, אוי דאס הארץ ברענט, לעבעדיגער רבי איך וויל מיך שוין זען מיט דיר פנים אל פנים איך בין א טויטער חסיד, אבער דו רבי מאכסט מיך לעבעדיג, דו געבסט מיר אזא חיות, אזא לעבן יעדע מינוט פון מיין לעבן.

און אז מען איז שוין דארט, וואס זאלן מיר מתפלל זיין, אוי הייליגער רחמנות'דיגער רבי, לאז שוין מיר זאלן אריין ברענגען דיינע לעכטיגע לימודים אין די וועלט, אוי דאס הארץ וויינט אזויפיל אידן מוטשענען זיך ווען פון אלע זייטן גיסן זיך עצות, אוי הייליגער רבי אפשר קענסטו שוין פועל'ן אז מען זאל שוין אננעמען דיין לימוד אין די גאנצע וועלט, אידן וואס מאכן מיט אזויפיל, אידן וואס זענען אזא גוט פאלק, אידן וואס זענען אזעלכע טייערע הייליגע מענטשן, זיי וועלן גיין אין פייער און אין וואסער פאר וואס עס איז ריכטיג, פארוואס זאלן זיי זיך מוטשענען נאך א יאר, פארוואס זאל די פאלטשע בלינדע מחלוקת אויף דיר הייליגער רבי זיך נישט ענדיגן, און אלע וועלן ארויסגיין פון זייערע פראבלעמען.

**טאטע זיסער ענדיג דעם יאר מיט אלע פראבלעמען א נייע זיסע יאר טו אונז שענקן.**

טאטע זיסער דער רבי האט געזאגט אז ער וועט נישט רוען ביז ער וועט אלע צו דיר צוריק ברענגען, פארוואס טאטע זיסער זאלן מיר ווארטן נאך א יאר, נאך א מינוט אז אידן זאלן זיך פרעגלען אין צרות, פארוואס זאלן זיי נישט באקומען צוטריט צו די אלע טייערע מעדיקעשאנס וואס מיר האבן זוכה געווען, אייבערשטער מיר וויינען צו דיר, גענוג! גענוג מחלוקת, גענוג צרות, גענוג גזרות, גענוג שנאת חינם, און גענוג גענוג שוין באהאלטן דעם רבי'ן, די דזשויק קען מער ווייטער נישט גיין.

נישט דאס זענען מיינע אינערליכע געפילן יעצט ביים זיך גרייטן צו אומאן, עס איז אזוי טיף, אזוי שארף אזוי בענקעדיג אזוי הארץ רייסענד, אבער דאס גיי איך שוין מיט אייך נישט מיטיילן דאס וועל איך שוין נאר איבערלאזן ביים ציון דארט וועל איך אראפווארפן פון מיר דאס גאנצע פעקל.

א גוט געבענטשט יאר.

צום ווידערזען קומענדיגע יאר מיט פרישע נייע כוחות.



# שטעטל נייעס

## כולל אינגעלייט פאראהערן זיך הלכות מקוואות



ערשטע זמן פון כולל שנת תשע"ח

זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו: גאר א גרויסע שמחה הערשט צווישן די ווענט פון כולל היכל הקודש אין קרית ברסלב, נאכדעם וואס די אינגעלייט האבן זיך געשטעלט צום פאהער פארגאנגענעם מיטוואך פרשת כי תבא אויף הלכות מקוואות ביי דומ"ץ הרב אברהם וויינגארטן שליט"א, נאכ'ן עס אדורך לערנען גרונטליך פאר א לענגערע צייט, און נאכ'ן צוזען אפאר מאל די פראקטישע חלקים וויאזוי מען בויעט די מקוואות אין שטעטל, אויך אויך ווערט געפלאנט זיך צו פאראהערן ביי נאך גרויסע דיינים שליט"א אין די נאנטע טעג.

דאס איז א געוואלדיגע שמחה פאר די גאנצע שטעטל, ווייל די גאנצע עקזיסטענץ פונעם שטעטל האט נאר א קיום טאקע ווייל עס איז דא אינגעלייט וואס זיצן און לערנען במשך דעם טאג, און דאס איז זייער ארבעט, דאס האלט די שטעטל, און דאס העלפט די שטעטל עס זאל זיך ווייטער בויען אויף אזא שיינע פארנעם.

ווי מען הערט שטעלט מען זיך נישט אפ ביי דעם, נאר מען האלט שוין אינמיטן די קומענדיגע מקצוע, מען אקערט עס אדורך גרונטליך מיט אלע ראשונים ואחרונים ביז אויף הלכה למעשה.

מיר טוען וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר די חשובע כולל אינגעלייט, זיי זאלן ווייטער מצליח זיין אין די לימודים ביתר שאת וביתר עוז, עס זאלן נתרבה ווערן כותלי בית המדרש מיט פרישע כולל אינגעלייט, און מען זאל זוכה זיין אנקומען נאך און נאך מקצועות בתורה, וואס נאר די תורה העלפט דעם מענטש אין אלע שווערע צייטן וואס מען גייט אלס אריבער אויף דער וועלט.

אין א בריוו פונעם ראש ישיבה פאר די פאנדרעיזער פונעם כולל ר' משה ארי' שניטצלער הי"ו שרייבט דער ראש ישיבה:

*מן הסתם האסטו אביסל געצען מיט דיינע אויגן במשך די צומער וואכן די התמדה פון די אינגעלייט, זיי לערנען זייער פלייסיג; זיי לערנען, זיי מוטשען זיך ביז זיי קומען ארויס קלאר אין די הלכה.*

*יעצט איז פונקט א יאר פון די הכתרה פונעם דיין שליט"א, און בעזר ה' אין אפאר יאר ארום וועט זיין נאך אן הכתרה פאר נאך דיינים, אינגעלייט תלמידים פון אונזער כולל. שרייב אראפ דעם דאטום, תשפ"ח, וועט זיין שיינע זאכן אין די קהילה, מיר וועלן אויפנעמען נאך דיינים.*

*וואויל איז דיר אז דו האסט א חלק אין העלפן די כולל אינגעלייט זיי זאלן קענען באקומען זייער געהאלט צייטליך.*

אויך שרייבט דער ראש ישיבה פאר א אינגערמאן:

*איך האב יעצט ערהאלטן פון משה ארי' נרו יאיר מנהל הכולל - אז דו האסט געגעבן פינף טויזנט דאלער פאר די כולל. איך בענטש דיר, בזכות די מצוה פון החזקת לומדי תורה - זאלסטו זען גרויסע ניסים, דו און דיין ווייב זאלן זיין געזונט און האבן נחת פון די קינדער.*

*די וואס וואוינען אין שטעטל - זיי זעען פון דער נאנט די התמדה פון אונזערע כולל אינגעלייט, ובראשם דער ראש הכולל, דער דיין שליט"א, ווי פלייסיג זיי לערנען. עס איז א תענוג און נחת אריינצוקומען אינמיטן טאג אין בית המדרש און זיך אונטער הערן ווי די כולל אינגעלייט לערנען. אזויפיל אינגעלייט זאגן מיר זיי קומען אמאל אריין אינמיטן טאג זיך אפרוען, זיי הערן די זיסע קול תורה, זיי ווילן נישט צוריקגיין ארבעטן, זיי ווילן אויך לערנען.*

# היכל הקודש נייעס

אמעריקע

## פערציג חתונות בחנם




אין די יעצטיגע טעג איז געווארן אפגעצייכענט דער פערציגסטע חתונה אין בית המדרש. דאס איז א נומער וואס דארף ווערן באצייכענט מיט גאלדענע אותיות. דאס זענען פערציג חתונות וואס אכציג מחותנים און אכציג מחותנת'טעס, פערציג חתנים און פערציג כלות, פון אלע סארטן און אלע מינים, טייל זענען רייכע, טייל ארימע, און אלעס אינצווישן, וואס האבן אבער באשלאסן אז זייער חתונה וועט פארקומען אין בית המדרש היכל הקודש ברסלב.

די חתונות אין בית המדרש זענען א סערוויס וואס ווערט צוגעשטעלט דורך די קהילה געגצליך בחינם; מענטשן מיינען אז ווען מען זאגט אז די חתונות זענען בחינם, איז עס א גוזמא, מען טראכט וויבאלד מען בעט "בלויז דריי-און-א-האלב טויזענט דאלער א זייט" וואס איז ממש בחינם קעגן אנדערע זאלן, דרוקט מען זיך אויס אז עס איז "בחינם". אבער ניין, ווען מען זאגט אז די חתונות זענען בחינם מיינט מען עס ממש אין פולן זין פון ווארט. די קהילה שטעלט צו די סערוויס פון א גאנצע חתונה נאכט, טישן, בענקלעך, עסן, מוזיק, בלומען, און מצוה טאנץ און אזוי ווייטער פאר קיין איין פעני אויף א גאלדענעם טאץ. די מחותנים און חתן כלה דארפן בלויז אריינשפאצירן אויפן אפגעשמועסטן דאטום און פראווען די שמחה און קוועלן פון נחת ווען מען שטעלט אויף א פרישע אידישע שטוב, אן קיין הארץ דרוקעניש פון חובות און בזיונות.

מענטשן וואונדערן זיך, מען רעדט שוין יארן אין די אידישע עסקנות וועלט וואס שפעקולירט און פלאנירט טאג און נאכט מיט עצות און געדאנקען וויאזוי מען קען ראטעווען די אכציג-ניינציג פראצענט פון אידן וואס ברעכן אונטער ביים חתונה מאכן די קינדער.

מען האט שוין פרובירט תקנות, חתונה מאלס, אסיפות, דרשות, הסברות, עקספאוס, האט-ליינס, מארקעטינג פארמעסטן, ניגונים, כח היחיד, כח הרבים, גמליאל קאמפיין, כלל ישראל אסיפות, און מען וואונדערט זיך פארוואס מען קען נישט פועלן לכל הפחות צו האלטן די חתונות ביי די סטאנדארטן פון נעכטן?

פארוואס מיט יעדע חודש שפעטער "מוז" מען שוין אויסגעבן נאך "נאר עטליכע טויזנט דאלער" נישט חלילה זיך אויפצווייסן, נאר פשוט צו הייסן א "נארמאלער" מענטש? מען קוקט זיך צו מיט אנגסט, און מען זעט ווי עס וואקסן ארויס יעדן טאג פרישע נייע "מנהגים" וויאזוי א "נארמאלע אידישע שמחה" דארף אויסזען.

דאס הארץ טוט וויי ווען מען שרייבט כסדר צו פרישע סעיפים אינעם "שלחן ערוך של הנארמאלע" פונקטליך וואספארא נייע מתנות מען איז שוין יעצט מחויב צו געבן, און אין די זעלבע צייט קומען כסדר צו נייע "ימים טובים" ווען מען "מוז" קויפן מתנות. אזוי אויך אויף די קליידער געבט מען חלילה נישט אויף, די מארקעטערס שלאפן נישט און באווייזן אריינצולייגן פרישע סעיפים אינעם שלחן ערוך פונקטליך וויפיל קליידער, שיך און שטריימלעך מען מוז קויפן, וויפיל מאל מען מעג אנטון א קלייד במשך די ימי השמחה, מען ארבעט אויס די פרטי ההלכה וויפיל מוז דער שטריימל קאסטן, עקסטער פארן חתן, און מען איז מחזק די נייע תקנה אז די מחותנים מוזן זיך אויך קויפן א פרישע שטריימל ביי יעדן קינד'ס חתונה. די חכמי כעלעם זיצן ביי אסיפות וואס באשליסן וואספארא מעבל "אידישע" פוירניטשור נארמאלע מענטשן קויפן.

די מעניו וואס מען "מוז" געבן פארנעמט גאנצעטע בענדער אין "הלכות נארמאלקייט", עס איז אראפגעשריבן בפרטי פרטיות פונקטליך וואספארא מעניו "באלעבאטיש"

מענטשן מוזן געבן ביי די ווארט, תנאים, לחיים, קידוש, קבלת פנים, און די חתונה, חלילה נישט אויסלאזן די שמאוגערס באורד, און מיט וואס צו "מכבד זיין" ביים לאנגווייליגן "גראמען", אזוי אויך זיצן די "פארטי פלענערס" און ארבעטן אויס די וויכטיגע מעניוס פון די באווארפן, די פילע שבע ברכות, און שבת שבע ברכות.

אפגערעדט איז די חתונה נאכט, ווי יעדע נייע "מנהג" מוז מען מקיים זיין ביז מסירת נפש, מען מוז האבן א קעניגליכע זאל, יעדער מוז באקומען סערווירט א גאנצע פארציע אפילו רוב גייט אין מיסט, מען מוז באשטעלן מינימום קאפלס, מען מוז האבן אן "עכטע" לייוו בענד, זינגערס און שפילערס און לייטינג וואס מאכן זיך און יעדעם משוגע, מען מוז טאנצן אזוי און אזוי, און דערנאך מוז איינער א "גראמער" גראגערן אין קאפ ביז צוויי-דריי אזייגער פארטאגס.

קהילת היכל הקודש האט נישט קיין "כח הרבים" אדער "כח היחיד", היכל הקודש האט עפעס אנדערש, דא איז דא דער "כח הצדיק". מוהרא"ש האט יארן גערעדט דערפון און האט אין זיינער צייט געקענט אויסקוקן ווי א קול קורא במדבר, אבער ניין, דער צדיק'ס כח גייט נישט לאיבוד, ער האט איינגעזייט און איינגעפלאנצט פאר פופציג יאר, און ברוך השם יעצט וואקסט ארויס די שיינע פירות וואס בליעט אזוי שיין לשם ולתפארת.

דער צדיק לערנט אונז אויס צו קוקן אויף וואס עס איז וויכטיג אין לעבן. מען זאל קוקן וואס דער אייבערשטער וויל. און דער אייבערשטער וויל אז מען זאל חתונה האבן, און וואס פשוטער און גרינגער אלס שנעלער קען מען בעזר השם טון שידוכים און חתונה האבן. דער צדיק קלארט אונז אויס די אמונה, און ווען מען ווייסט אז דער אייבערשטער איז דא, ליגט שוין נישט די קאפ אין געפעלן פאר מענטשן, מען געבט נישט אויס קיין געלט - אפילו ווער עס דארף נישט בארגן - נאר כדי אז די אזוי גערופענע "חברים" זאלן כלומר'שט האלטן פון מיר.

דערפאר איז דאס א גרויסע שמחה ווען מען האלט דא אז מען האט אפגעצייכנט די פערציגסטע חתונה אין בית המדרש, און מיטן כח פונעם צדיק מוהרא"ש זי"ע וועלן מיר ווייטער מצליח זיין צו אויפשטעלן א דור וואס וועט גיין לויט די מסורה אין די וועגן פון די פריערדיגע צדיקים.

אומאן

## שאטל סערוויס אין אומאן


דער ראש ישיבה אינעם שאטל אויפן וועג צום ציון

טראץ דעם וואס היי יאר קומט אן שווערער צושטעלן די שאטל סערוויס אין אומאן פונעם בנין היכל הקודש צום ציון און צוריק, צוליב די מצב אין אוקריינע ווען עס זענען דא ווייניגער ארבייטער, ווייניגער ספרינטערס, און די גאז איז אסאך טייערער, מיט דעם אלעם איז געלונגען פאר די איבערגעגעבענע עסקנים פונעם רענט קאמפיין מו"ה שבתי מארקוס הי"ו און מו"ה אשר בער אינדארסקי הי"ו אנצוהאלטן די שאטל, כדי אנשי שלומינו זאל קענען קומען און גיין פון און צום הייליגן ציון שנעלערהייט.

דאס יאר האט מען צוגעלייגט נאך א ווען, עס וועלן זיך געפונען דריי ספרינטער ווענס אויפן ראוד וואס וועלן כסדר פארן אהין-און-צוריק במשך די גאנצע צייט, אנגעהויבן 5:00 פארטאגס תיכף ווי נאך די נאכט קורפיו ווערט געענדיגט, און 5:20 וועט בעזרת השם ארויספארן דער צווייטער, און אזוי וועט דער סדר ווייטער אנהאלטן אין אלע שעות פון טאג, די זעלבע זאך וועט דער ערשטער ספרינטער שוין ווארטן ביים באשטימטן ווינקל נעבן הייליגן ציון אום 5:00 פארטאגס צום בנין היכל הקודש, דער צווייטער אום 5:20, ביז אום 10:40 ווען די לעצטע ווענס וועלן ארויספארן.

אנשי שלומינו זענען גאר דאנקבאר פאר די איבערגעגעבענע פירמע "פלען איט רייט" וואס געבן זיך איבער פאר אלע געברויכן צו ברענגען אנשי שלומינו קיין אומאן און צושטעלן אלעס וואס פעלט זיך אויס, יעצט האבן זיי צוגעלייגט א פרישע סערוויס מיטן ספאנסערן די פארברייטערטע פלאטע פון ספרינטערס וואס וועלן טראגן און ברענגען אנשי שלומינו אין אומאן גופא.

אלע אנשי שלומינו זענען שטארק מכיר טוב פאר די איבערגעגעבענע עסקנים פונעם רענט קאמפיין וואס מאכן זיכער בסייעתא דשמיא אז די רענט פון די הייליגע ישיבה אין ווילאמסבורג ווערט פולקאם באצאלן יעדע חודש. אנשי שלומינו וועלן זיכער אנטקעגן קומען די עסקנים און מנדב זיין מיט א ברייטע האנט פארן רענט קאמפיין, און מיט דעם נעמען א חלק אין אלע גוטע מעשים וואס קומט ארויס דערפון.

**הראש השנה שלי עולה על הכל**



# "מעשיות פון תפילה"

## פנחס דוד וועבערמאן - קרית ברסלב:

איך האב פארלוירן מיין בערזל, איך האב געהאט דארט אסאך ווערדפולע זאכן, מיין לייסענס, מיינע קארטלעך, געלט, א.א.וו.. איך האב עס געזוכט פאר זייער לאנג, אבער איך האב עס נישט געקענט טרעפן.

איך האב אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל טרעפן מיין בערזל, און דער אייבערשטער האט געהאלפן אז נאך אסאך תפילות האב איך עס געטראפן אויף א פלאץ וואו איך האב מיך בכלל נישט געראכטן.

## אלחנן זויבערמאן - ירושלים עיה"ק:

כידוע לכל, אין ארץ ישראל'דיגער בירגער וואס נפשו חשקה צו פארן קיין אמעריקע דארף אדורך גיין שבעה מדורי גהינם אויף צו באקומען די 'וויזע' וואס ערלויבט אים אהין צו פארן, די גאנצע געשעפט רופט זיך א 'פראצעדור', אבער זייער א שווערע.

מיין חבר האט מיר פארציילט אז ער איז צוגעגאנגען צום קאנסול צו באקומען א וויזע נאכן פארברענגען דריי שעה אין אפיס האט ער עס באקומען. און יענער איז נאך א בעל מזל...

איך האב אפגעמאכט ביי מיר אז איך האב נאר איין ברירה, איך גיי בעטן דעם אייבערשטן נאר דאס קען מיר העלפן.

כ'האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל עס באקומען גרינג און שנעל, איינס צוויי דריי. אזוי ווי איך גיי אריין האט מען מיר גלייך אנגענומען און דארפן ווארטן, מען האט מיך גלייך אריינגעשיקט צום אינטערוויו צום סופערוויזער וואס האט מיך געפרעגט 2-3 נישטיגע קשיות און... ש'כח אייבערשטער! איך האב באקומען א 'וויזע מאושר'... שכח אייבערשטער!

## נחמן נתן בוים - קרית ברסלב:

געלויבט דער אייבערשטער פאר די מתנה וואס איך האב באקומען, א געזונטע קינד ברוך השם, אבער מיט דעם קומט מיט פרישע קאסטן, טאקע נאר אויף שמחות אבער מען דארף דאס אויך קענען קאווערן.

מיט דעם איז אויך צוגעקומען אלע קאסטן פאר די נסיעה קיין אומאן, די פליגער, די באסעס, די באן, די זיץ, די בעט און אזוי ווייטער, און פארשטייט זיך מען דארף איבערלאזן געלט אינדערהיים פאר די ווייב.

אזוי האב איך מיר דערזען אז איך דארף שאפן אסאך געלט וואס איך האב נישט, און איך וויל נישט דארפן בארגן פון קיינעם קיין געלט, ווייל פון וואו גיי איך עס קענען באצאלן נאכדעם?

איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן דאס געלט פאר די אלע הוצאות וואס איך האב אין די יעצטיגע טעג, און שכח אייבערשטער אז מיט גרויסע ניסים האב איך אלעס אזוי שיין געקענט באצאלן אן דארפן בארגן קיין איין פרוטה.

## אברהם ראטענבערג - קרית יואל:

איך האב א אלטע קאר, איין טאג שטיי איך אויף, איך גיי צום קאר איך פרוביר אנצוצינדן דעם קאר אבער עס צינדט זיך נישט אן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן זייער שטארק עס זאל זיך אנצינדן, איך דארף גיין דאווענען, איך דארף גיין צו די ארבעט און אזוי ווייטער, איך האב געגעבן צדקה, איך האב געזאגט אפאר נעמען פון צדיקים.

און יא שכח אייבערשטער גלייך נאכדעם האט זיך עס אנגעצינדן, און מען האט זיך געקענט ארויסלאזן אויפ'ן וועג אנהייבן דעם טאג..

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו
## פוּנֶעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, י"ז אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ אַז מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּ אִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קעז): "**רָאוּי לָכֶם לִשְׂמֹחַ בִּי, מַה שֶּׁזְּכִיתֶם שֶׁיִּהְיֶה לָכֶם רַבִּי כָּזֶה**", אִיר דַארְפְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אִיךְ בִּין עֶנְקֶער רֶבִּי; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "**וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד**", וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר; אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְפְן מִיר זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר.

מִיר קוּמֶען אִין אוּמַאן נָאר צוּם רֶבִּי'ן, מִיר קוּמֶען נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם. מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מִיטְ'ן נָאמֶען מֹשֶׁה וֶועלְוֶועל, עֶס אִיז אַרוֹיס אוֹיף אִים אַ שֵׁם רַע - אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אַז עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְּלָן, וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט דֶער טְשֶׁעהְרִינֶער רָב גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים: "מֹשֶׁה וֶועלְוֶועל, דוּ בִּיסְט אוּנְז אַ בִּזָּיוֹן, וֶוער בֶּעט דִיר דוּ זָאלְסְט קוּמֶען דָא?" אוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעהַאט טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן טְשֶׁעהְרִינֶער רָב, 'וָואס הֵייסְט דוּ שְׁרֵייסְט אוֹיף אִים וֶוער בֶּעט דִיר צוּ קוּמֶען דָא? **עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ דִיר, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן**, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אַוֶועק נֶעמֶען מֶענְטְשְׁן פוּן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן'; וַוייל וֶוען מֶען קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם צִיּוּן פוּן רֶבִּי'ן קוּמְט מֶען נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם, מֶען קוּמְט נָאר צוּם רֶבִּי'ן.

אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט מוֹהֲרָא"שׁ פוּן רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר פְלֶעגְט בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּי'ן; נָאכְדֶעם וָואס דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִים פְלֶעגְט עֶר זָאגְן '**אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעבְּרֶענְגְט בִּיז אוּמַאן, פוּן דָא אוּן וַוייטֶער וֶועט זִיךְ דֶער רֶבִּי זָארְגְן פַאר דִיר**'; וֶוען מֶען קוּמְט קַיין אוּמַאן קוּמְט מֶען נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם, נָאר צוּם רֶבִּי'ן.

מִיר הָאפְן אוּן מִיר וַוארְטְן צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע נַייעֶס אַז דִי גְרֶענִיץ עֶפְנְט זִיךְ אוּן מִיר וֶועלְן קֶענֶען פָארְן קַיין אוּמַאן, זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

# א שיחה
## פון דער
## ראש ישיבה שליט"א



## הִתְקַרְבוּת צוּם רֶבִּי'ן

**אִין אַ שְׁמוּעס וֶועגְן דִי הִתְקַרְבוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זִיךְ אָנְגֶערוּפְן:** מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַזַא שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אַ לֶעבְּן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַ לֶעבְּן פוּן שָׁלוֹם אֵיינֶער מִיטְ'ן אַנְדֶערְן, וָואס נָאךְ דַארְף מֶען? עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט דִי גַאנְצֶע סוּגְיָא צִי מֶען הָאט יָא גֶעהַאלְטְן אָדֶער נִישְׁט גֶעהַאלְטְן, אִיךְ קוּק וָואס אִיךְ הָאבּ אִין מַיין הַאנְט. אִיךְ גֶעדֶענְק אִין אָנְפַאנְג פוּן מַיין הִתְקַרְבוּת הָאט מִיר אֵיינֶער פָארְגֶעהַאלְטְן: "פַארְוָואס פָארְסְטוּ קַיין אוּמַאן, דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב אִיז דֶען גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן? דֶער הֵיילִיגֶער שִׁינָאוֶוער רָב אִיז דֶען גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן?!" קוֹדֶם כֹּל, דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב הָאט יֶעדְן שַׁבָּת גֶעלֶערְנְט 'לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן', עֶר פְלֶעגְט עֶס רוּפְן "דָאס אִיז מַיין שַׁבָּת סֵפֶר", אַזוֹי וִוי עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צַדִיקִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט סְתָּם אַזוֹי אִינְמִיטְן דִי וָואךְ דֶעם הֵיילִיג סֵפֶר 'נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ', נָאר שַׁבָּת צוּפְרִי נָאךְ דִי מִקְוֶה - אַלְס גְרוֹיס קְדוּשָׁה, אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב גֶעטוּן מִיטְ'ן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן!

אָבֶּער אִיךְ קוּק אוֹיף זִיךְ, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס גֶעבְּט מִיר לֶעבְּן, עֶר מַאכְט מִיר קוּמֶען אוּן גֵיין אָן זִיךְ קְרִיגְן מִיט אַנְדֶערֶע, עֶר הָאט מִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אִיךְ זָאל גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אִין שְׁטוּבּ, אוֹיף אִיר מִשְׁפָּחָה, אוֹיף אִירֶע עֶלְטֶערְן, אִיז מִיר דָאס גֶענוּג אִיךְ דַארְף שׁוֹין גָארְנִישְׁט מֶער פוּן דֶעם? !

אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, אוּן דֶער צַדִיק הָאט אִים גֶעוִויזְן אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען, הַיינְט זָאגְט עֶר גְמָרָא, עֶר זָאגְט מִשְׁנַיוֹת, עֶר עֶפְנְט אַ חוּמָשׁ עֶר אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה, אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע מוֹפֵת פוּן דֶעם. דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁמַאטֶע, אַ צֶערִיסֶענֶער מֶענְטְשׁ, אוּן הַיינְט וֵוייס אִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, אִיךְ דַארְף שׁוֹין נִישְׁט קֵיינֶעם, אִיךְ קוּק שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קֵיינֶעם - נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיז דָא אַ גְרֶעסֶערֶע מוֹפֵת פוּן דֶעם?!

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן נִישְׁט דַארְפְן קַיין רַאֲיוֹת, נָאר שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף וָואס מֶען בַּאקוּמְט, אוּן אַז מִיר וֶועלְן אַלְץ שְׁטֵיין נֶעבְּן דֶעם צַדִיק, אוּן פָאלְגְן וָואס עֶר זָאגְט, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.



# א מעשה
## פון א צדיק

### רִיכְטִיגֶע הִתְבּוֹדְדוּת

אִין אוּמַאן אִיז גֶעוֶוען אַ קְרִיגֶערַיי צְוִוישְׁן הָרַב הַחָסִיד רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן בַּארְסְקִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אוּן הָרַב הַחָסִיד ר' גֶעצִיל זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; בֵּיידֶע פוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן עוֹבְדֵי הַשֵּׁם, אָבֶער זֵיי זֶענֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעקוּמֶען צְוִוישְׁן זִיךְ. ר' שִׁמְשׁוֹן הָאט זִיךְ גֶעפִירְט צוּ דַאוֶוענֶען רוּאִיג אוּן שְׁטִיל, אוּן ר' גֶעצִיל פְלֶעגְט דַאוֶוענֶען מִיט קוֹלִי קוֹלוֹת. אַזוֹי אוֹיךְ הָאט ר' שִׁמְשׁוֹן ז"ל אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַלֶע וָואס פְלֶעגְן אִים אוֹיסְהֶערְן אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן בְּדַרְכֵי נוֹעַם; אֲפִילוּ וֶוען מֶען אִיז פַארְנוּמֶען מִיט עוֹלָם הַזֶה זָאל מֶען זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. ווִידֶערְאוּם ר' גֶעצִיל הָאט גֶעהַאלְטְן פַארְקֶערְט, אַז מֶען דַארְף זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּשֵׁיידְן פוּן דֶער וֶועלְט אוּן עֶס זָאל גָארְנִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס טוּט זִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט. צוּלִיבּ דִי מֵיינוּנְגְס פַארְשִׁידְנְהֵייטְן פְלֶעגְן זֵיי זִיךְ שְׁטֶענְדִיג קְרִיגְן צְוִוישְׁן זִיךְ. וֶוען רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קַיין אוּמַאן הָאט מֶען אִים גֶעבֶּעטְן צִי עֶר קֶען מַאכְן שָׁלוֹם צְוִוישְׁן זֵיי, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַזוֹי: "אִיךְ וִויל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁיְיכוּת מִיט דִי גַאנְצֶע זַאךְ; בֵּיידֶע פוּן זֵיי מַאכְן נִישְׁט קַיין הִתְבּוֹדְדוּת".

וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן דָאס גֶעהֶערְט הָאבְּן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט: 'וָואס הֵייסְט זֵיי מַאכְן נִישְׁט קַיין הִתְבּוֹדְדוּת?' וַוייל אַלֶע הָאבְּן גֶעוואוּסְט אַז בֵּיידֶע פוּן זֵיי - סֵיי ר' שִׁמְשׁוֹן אוּן סֵיי ר' גֶעצִיל ז"ל זֶענֶען גְרוֹיסֶע עוֹבְדִים אוּן זֶענֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד שָׁעוֹת עַל גַבֵּי שָׁעוֹת, הָאט ר' אַבְרָהָם ב"ר נַחְמָן זֵיי גֶעזָאגְט: "מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט בַּיים רֶבִּי'ן (עַיֵין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נב) אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אִיבֶּער גֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵל זַיין אוּן גָארְנִישְׁט וֶועלְן; וֶוען מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד דַארְף מֶען דֶעם 'זִיךְ' אַרוֹיס נֶעמֶען פוּנֶעם בִּילְד".

ר' שִׁמְעוֹן'ס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף אַז דִי אַנְדֶערֶע זָאלְן אַיינְזֶען אַז מִיר זֶענֶען דִי עֶכְטֶע", אוּן ר' גֶעצִיל'ס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף אַז דִי אַנְדֶערֶע זָאלְן אַיינְזֶען אַז מִיר זֶענֶען דִי עֶכְטֶע"... **דָאס אִיז נִישְׁט קַיין הִתְבּוֹדְדוּת, הִתְבּוֹדְדוּת אִיז אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס וִויל אִיךְ פוּן יֶענֶעם? וָואס בִּין אִיךְ פַארְנוּמֶען מִיט יֶענֶעם, וָואס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר יֶענֶעם? וָואס זֶע אִיךְ שְׁלֶעכְטְס אִין יֶענֶעם?" - דָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג פוּן הִתְבּוֹדְדוּת.**

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ זֶע שְׁלֶעכְטְס אִין אַ מֶענְטְשׁ, קֶען זַיין צְווֵיי זַאכְן; אָדֶער הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין הִתְבּוֹדְדוּת יֶענֶעם טָאג, אָדֶער הָאבּ אִיךְ יָא גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת אָבֶער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעמַאכְט גֶענוּג הִתְבּוֹדְדוּת, וַוייל וֶוען אִיךְ וָואלְט זִיךְ גוּט מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען וָואלְט אִיךְ גֶעזֶען נָאר גוּטְס בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם".

(סיפורי מעשיות חיי שרה תשפ"ב אין קרית ברסלב)





# דעם הייליגן רבינ'ס
# לעבנסגעשיכטע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

## - ג -

**פארזעצונג פון פריער:** גְלַייךְ נָאךְ דִי חוּפָּה אִיז רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זַ"ל פַארְשְׁוואוּנְדְן גֶעוָוארְן, אוּן זַיין פְרִישֶׁע וַוייבּ הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וואוּ עֶר אִיז אַהִינְגֶעקוּמֶען. זִי אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען אַז אִיר מַאן אִיז פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן. דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעזֶען מִיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ וואוּ זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן בַּאהַאלְט זִיךְ, אוּן עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעשִׁיקְט אַ שָׁלִיחַ אִים צוּ רוּפְן. הָאט רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זַ"ל זִיךְ פַארְעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר הָאט גֶעזֶען מִיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ אַז זִי וֶועט הָאבְּן אַ קִינְד פוּן אִים, אוּן גְלַייךְ דֶערְנָאךְ וֶועט זִי שְׁטַארְבְּן, עֶר הָאט זֵייעֶר רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִיר אוּן דֶערִיבֶּער עֶר הָאט בַּאשְׁלָאסְן צוּ אַנְטְלוֹיפְן. וֶוען זִי הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט זִי גֶעזָאגְט, "אוֹיבּ מַיין מַאן אִיז טַאקֶע אַזַא גְרוֹיסֶער צַדִיק, עֶר זֶעט זַאכְן וָואס גֵייט פַּאסִירְן, דַאן וִויל אִיךְ טַאקֶע הָאבְּן אַ קִינְד מִיט אִים".

***

אַזוֹי וִוי רֶבִּי נַחְמָן אִיז גֶעבְּלִיבְּן יֶעצְט אַלֵיין מִיט זַיין נֵיי גֶעבּוֹירֶענֶעם קִינְד, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט וֶוער סְ'זָאל זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט אִים, נָאכְדֶערְצוּ אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי"ע פְלֶעגְט אִים אַסַאךְ שִׁיקְן אוֹיף וַוייטֶע פְלֶעצֶער מִיט וִויכְטִיגֶע שְׁלִיחוּת'עֶר, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעלָאזְט זַיין אֵיינְצִיג קִינְד שִׂמְחָה בַּיי אָדְל ע"ה, דִי טָאכְטֶער פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי"ע, אוּן דָארְט אִיז עֶר אוֹיפְגֶעוָואקְסְן.

אֵיינְמָאל אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי"ע גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן זַיין טָאכְטֶער אָדְל, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען דָארְטְן דֶעם אִינְגְל שִׂמְחָה, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ זַיין טָאכְטֶער, "דָאס קִינְד גֶעפֶעלְט מִיר". אָדְל הָאט נָאךְ דֶעמָאלְט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס אִיר טַאטֶע מֵיינְט מִיט דִי וֶוערְטֶער, זִי הָאט אָבֶּער אַרַיינְגֶענוּמֶען דִי וֶוערְטֶער אִין הַארְץ עֶס צוּ גֶעדֶענְקֶען. וֶוען דֶער אִינְגְל שִׂמְחָה אִיז אַלְט גֶעוָוארְן צֶען יָאר, אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי"ע נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן, אוּן עֶר אִיז וַוייטֶער גֶעבְּלִיבְּן אִין הוֹיז פוּן מָרַת אָדְל.

נָאךְ בַּיים לֶעבְּן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי"ע הָאט רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זַ"ל גֶעהַאט גְרוֹיס חֵשֶׁק צוּ פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי"ע הָאט אָבֶּער נִישְׁט מַסְכִּים, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז עֶר נִישְׁט גֶעפָארְן. יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט הָאט זִיךְ נָאכְאַמָאל עֶרְוֶועקְט בַּיי אִים אַ רָצוֹן אוּן הִשְׁתּוֹקְקוּת צוּ פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן יֶעדֶעס מָאל הָאט עֶר נָאכְאַמָאל גֶעפְרֶעגְט רְשׁוּת פוּן זַיין רֶבִּי'ן, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי"ע, אָבֶּער עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען.

אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶר מוּז שׁוֹין פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶר אִיז נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי"ע אִיבֶּער דֶעם, הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי"ע גֶעזָאגְט, "אוֹיבּ ווִילְסְטוּ אַזוֹי שְׁטַארְק פָארְן, דַאן פָאר, אָבֶּער קוֹדֶם גֵיי אִין מִקְוֶה". עֶר אִיז גְלַייךְ גֶעלָאפְן אִין מִקְוֶה אוּן זִיךְ גֶע'טוֹבְלְ'ט אַסַאךְ טְבִילוֹת, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז עֶר צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ זַיין רֶבִּי'ן.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי"ע הָאט אִים דַאן גֶעפְרֶעגְט, "וָואס הָאסְטוּ גֶעזֶען בַּיי דִי עֶרְשְׁטֶע טְבִילָה?", הָאט עֶר גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל".

"אוּן בַּיי דִי צְוֵוייטֶע טְבִילָה?" - "הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען יְרוּשָׁלַיִם".

"אוּן וָואס הָאסְטוּ גֶעזֶען בַּיי דִי דְרִיטֶע?" - "אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דֶעם פְּלַאץ פוּן בֵּית הַמִקְדָשׁ".

"אוּן בַּיי דִי פֶערְטֶע?" - "הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען דֶעם קָדְשֵׁי קָדָשִׁים, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעזֶען דָארְט דֶעם אָרוֹן".

הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי"ע אִים גֶעזָאגְט, "דֶער אָרוֹן אִיז אִין מֶעזִיבִּיזְשׁ"...

הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז זַיין רֶבִּי וִויל נָאכְאַלְץ נִישְׁט אַז עֶר זָאל פָארְן, אוּן פוּן דַאן אָן הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין מֶער נִישְׁט גֶע'עַקְשְׁנְ'ט, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן בַּיי זַיין רֶבִּי'ן בִּיז צוּ זַיין הִסְתַּלְקוּת.



דער ראש ישיבה אין בית המדרש פון הייליגן בעל שם

נָאךְ דִי הִסְתַּלְקוּת פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי"ע פְלֶעגְט רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זַ"ל גֵיין אַסַאךְ צוּ זַיין הֵיילִיגְן צִיוּן, אוּן עֶר פְלֶעגְט פְרֶעגְן זַיין רֶבִּי'ן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט וִויסְן. עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזַא הֵיילִיגֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ זַיין רֶבִּי'ן, אַז עֶר הָאט גֶעקֶענְט רֶעדְן מִיטְ'ן בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי"ע אַזוֹי וִוי מְ'רֶעדְט צוּ אַ חַבֶר.

אוֹיךְ דֶעמָאלְט הָאט עֶר גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין בֶּעטְן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי"ע אַז עֶר וִויל פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי"ע הָאט אִים אָבֶּער נִישְׁט עֶרְלוֹיבְּט. בִּיז אֵיין מָאל וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם צִיוּן אוּן נָאכְאַמָאל גֶעפְרֶעגְט וֶועגְן דֶעם, הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי"ע דֶעמָאלְט אִים גֶעגֶעבְּן רְשׁוּת אוּן מַסְכִּים גֶעוֶוען אַז יֶעצְט קֶען עֶר שׁוֹין פָארְן.

עֶר אִיז גְלַייךְ אַרָאפּ פוּן צִיוּן מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, עֶר הָאט מַמָשׁ גֶעטַאנְצְן אוּן גֶעזָאגְט, "אִיךְ פָאר קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל!". אוּן דַאן הָאט עֶר זִיךְ טַאקֶע גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אִין וֶועג קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶר שׁוֹין דָארְט גֶעבְּלִיבְּן בִּיז צוּ זַיין פְּטִירָה, אוּן עֶר לִיגְט טַאקֶע דָארְט אִין דִי שְׁטָאט טְבֶרְיָה.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם

**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"**

# נקודות טובות

געהערט פון אנשי שלומינו

## בליצן און נאטיצן אויפן לעבן צו ניצן

### ברוך נוסבוים - ארץ ישראל דערציילט:

איך האב געהערט פון איינער פון אנשי שלומינו פון ארץ ישראל אז הרב רבי דניאל בוים שליט"א איז געווען שבת אין בני ברק האט ער געערעדט שלוש סעודות אין בית המדרש היכל הקודש. האט רבי דניאל בתוך דבריו ארום גערעדט אז מען טאר נישט קוקן אויף אנדערע וואס לאכן, שפעטן און רעדן, ווייל אין די צייט וואס זיי רעדן כאפן מיר אריין נאך און נאך בלעטער גמרא, פרקים משניות, תהילים, און אזוי ווייטער.

ר' דניאל האט דאס אריינגעטייטשט אין די פסוק **'אני לדודי ודודי לי'**, וואס איז די ראשי תיבות פון **אלו"ל**, עס עקזיסטירט קיינער נישט חוץ איך און דער אייבערשטער דער אייבערשטער און איך, האט ער געזאגט: "יעצט אין חודש אלול ווען יעדער קאכט זיך מיט דעם פסוק זאל מען כאטש וויסן די טייטש דערפון, אז עס איז נאר דא איך מיט'ן אייבערשטן, איך קוק אויף דיר אייבערשטער און דו אייבערשטער קוקסט אויף מיר און אויסער דעם איז מיר נישט אינטערעסאנט ווער עס קוקט, ווער עס רעדט, שמייכלט אדער לאכט און שפעט אפ

### נח הערש ווייס זאגט:

איינער האט געפרעגט דעם ראש ישיבה וואס ער זאל טון די ערשטע זאך אין אומאן, אויב ער זאל זיך צוגרייטן, האט דער ראש ישיבה געזאגט, אין אומאן איז דא איין אדרעס, עס איז נישט דא גארנישט, עס איז דא דער ציון, אודאי איז א מורא'דיגע זאך אז מען גייט אין מקוה פארן תיקון הכללי אבער וואס טוסטו אז די מקוה עפענט זיך הערשט אויף דעם נעקסטן טאג, א מענטש קען דען וויסן וואס עס וועט געשען מיט אים די נעקסטע רגע, קודם די ערשטע זאך כאפ און לויף צום ציון זאג די צען קאפיטלעך תהילים, נאכדעם קענסטו זיין רואיג, יעצט קענסטו מאכן אלע הכנות, אבער פאר דו האסט נישט געזאגט די תיקון הכללי ווער ווייסט וואס עס קען זיך נאך טון מיט דיר און פלוצלינג דו גייסט אוועק פון די וועלט אן די תיקון וואס דער רבי האט צוגעזאגט.

### הערשל שניטצלער לייגט צו:

די שמועס וואס ר' נח הערש נ"י האט איבערגעזאגט איז געווען אין בית המדרש, איז דארט געזיצן ר' הערשל שניטצלער נ"י און ער ווייזט פאר'ן עולם א שטיקל אשר בנחל וואס ער האט יעצט אויפגעמישט מכתב י"ב תתכ"ג וואס מוהרא"ש שרייבט דארט ממש די זעלבע ווערטער א מענטש קומט אן אויף אומאן זאל ער גלייך גיין צום ציון געבן א פרוטה לצדקה און זאגן די 10 קאפיטלעך, וואס דער רבי האט צוגעזאגט אז ער וועט ארויסשלעפן די מענטש פון שאול תחתית, שרייבט דארט מוהרא"ש: ווייל די גאנצע לעבן פון א מענטש איז א נס און א מענטש קען נישט וויסן וואס עס וועט זיך טון מיט אים א סעקונדע שפעטער.

### הרב שלמה מייער שליט"א דערציילט:

ר' שלמה איז געווען אויף שבת אין קרית ברסלב, האט ער דערציילט אז ער איז געווען אין אומאן אין די יארן וואס איז נאך געווען

קאמאניסטיש, פארציילט ער אז ער איז שוין געווען אויף פושקענע גאס, ממש א שפאן אוועק פון ציון, ממש אפאר סעקונדעס איידער ער איז אנגעקומען צום ציון האבן די פאליציי אפגעשטעלט און נישט געלאזט גיין ווייטער, ווי מען האט זיי ארעסטירט, ער האט געוואלט ארויסברענגן אז מען דארף בעטן דעם אייבערשטן מען זאל אנקומען צום ציון ביז די לעצטע מינוט.

### אלי' פערל זאגט זייער א שיין פשט:

אויפן פסוק **'כי יהיה לאיש בן סורר ומורה איננו שומע בקול אביו ובקול אמו'**, דער ראש ישיבה רעדט זייער סאך איבער דעם אז עלטערן דארפן זיך אפגעבן מיט די קינדער, דער טאטע אנשטאט צו בויען א ביזנעס וואס די קינדער דארפן נישט, זיי דארפן א טאטע, און דאס זעלבע איז וואס מען זעט ביי די אזויגערופענע רייכע משפחות וואס די מאמע איז נישט אינדערהיים און עס איז דא א פרוי וואס געבט זיך אפ מיט די קינדער, ליידער דאס האט א שלעכטע השפעה אויף די קינדער, זיי וואקסן אויף צובראכן און אומזיכער מיט זיך, און די נאכפאלגן דערפון זענען זייער ביטער.

זאגט ר' אלי' דאס שטייט בפירוש אין פסוק **'כי יהיה לאיש בן סורר ומורה'**, איז דאס ווייל **'איננו שומע בקול אביו ובקול אמו'**, ער הערט נישט זיין טאטע און זיין מאמע, זיי זענען פאריאגט און האבן נישט קיין צייט צו די קינדער, פון דעם וואקסט ליידער אויף א קינד וואס ער גייט אוועק פונעם ערליכן וועג.

### אברהם יושע וועבערמאן זאגט נאך פון זיין זיידן:

ער ליינט די בלעטל יעדע וואך, ער ווערט זייער נתפעל פון די מעשיות פון תפילה, האט ער צוגעלייגט אז ער האט פארלוירן זיינע שליסלעך, ער האט געזוכט און נישט געקענט געפינען, ער האט געבעטן דעם אייבערשטן, און נאכאמאל געבעטן, אבער ביז דערווייל האט ער עס נאכנישט געטראפן, ברוך השם אז א איד געבט נישט אויף אפילו מען בעט און מען זעט אז דערווייל זענען די תפילות נאכנישט געענטפערט געווארן, מיר ווייסן נישט די חשבונות פונעם אייבערשטן.

האט ער נאכגעזאגט א שיין ווארט פון מלבי"ם, עס שטייט **'ברוך הגבר'** ווייל איז דער מענטש **'אשר יבטח בהשם'** וואס וועט זיך פארזיכערן אינעם אייבערשטן, **'והיה השם מבטחו'**, און דער אייבערשטער וועט זיין זיין פארזיכערונג, עס שטייט צוויי מאל אז ער פארזיכערט זיך אינעם אייבערשטן, איין מאל איז ווען א מענטש בעט, ער איז זיכער אז דער אייבערשטער הערט צו זיינע תפילות, און נאכדעם די צווייטע מאל אפילו ער זעט נאכנישט וואס זיינע תפילות האבן אויפגעטון נאך אלס **'והיה השם מבטחו'**, ער פארזיכערט זיך ווייטער אינעם אייבערשטן.

### מרדכי היימליך דערציילט:

א אינגערמאן האט איז אריין אין קאנטרעקט אויף א הויז אין שטעטל, עס איז אריבער א שיינע שטיק צייט ביז ער האט געקלויזט אויפ'ן הויז, ווען ער האט געקלויזט האט ער מבשר געווען די גוטע בשורה פאר'ן ראש ישיבה ברוך שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה.

האט אים דער ראש ישיבה געגעבן א פסק, "אויף א נייע הויז זאגסטו ברוך שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה? שהחיינו דארפסטו זאגן אז דער אייבערשטער האט דיר געגעבן א ווייב, אז דער אייבערשטער האט דיר געגעבן קינדער, אז דער אייבערשטער געבט דיר געזונט און לעבן, אבער א הויז פאר ווי לאנג איז די גאנצע הויז? פאר די פאר יאר וואס מען לעבט?..."

דער אינגערמאן זאגט אז ער האט זיך מחיה געווען מיט דעם וואס דער ראש ישיבה האט געזאגט, ער האט אנגעהויבן טאנצן אויף די אלע מתנות וואס דער אייבערשטער האט אים געגעבן.



# הרב רבי יצחק לעסער שליט״א פארציילט

**וויאזוי איז מען געפארן קיין אומאן צום הייליגן רבינ'ס ציון ווען די גרעניץ אריינצוגיין אין רוסלאנד איז נאך געווען פארשלאסן אונטער די ערשאפט פון די קאמוניסטן?**

**וויאזוי האט מען דורכגעבראכן אלע שוועריגקייטן אנצוקומען צום הייליגן רבינ'ס ציון צו פאלגן דעם הייליגן רבין וואס האט געזאגט מען זאל קומען צו זיין ציון און זאגן דארט די 'תיקון הכללי'?**

**מיר וועלן שילדערן די מעשה ווי ער אליין דערציילט עס, ליינט און האט הנאה:**



# אונטער די קאמוניזם

# ווי אזוי קום איך אן קיין אומאן?

פונעם טאג וואס איך האב מיך דערוואוסט פונעם הייליגן רבי'ן און אנגעהויבן לערנען זיינע ספרים און איך האב אנגעהויבן פארשטיין די גרויסקייט און מורא'דיגע תיקון פאר די נשמה אז מ'קומט צום רבי'נס ציון און מ'איז זוכה צו אלע מורא'דיגע הבטחות וואס דער רבי האט צוגעזאגט, האט אנגעהויבן ברענען מיין הארץ מיט מורא'דיגע רצונות און כיסופים צו קענען מקיים זיין דעם רצון פון רבי'ן צו קומען און זיך משתטח זיין אויף זיין ציון. איך האב יעדן טאג געוויינט צום אייבערשטן אז איך זאל זוכה זיין צו דעם, אזוי האב איך מיך געפירט טאג איין טאג אויס אז בשעת איך האב גערעדט צום אייבערשטן האב איך שטארק געוויינט אז דער אייבערשטער זאל רחמנות האבן אויף מיר און בזכיות חנם זאל איך זוכה זיין אנצוקומען דארט.

אזוי ווי חז"ל זאגן (שבת ק"ד): "**הבא ליטהר מסייעין אותו**" האט דער אייבערשטער צוגעפירט אז איך האב מיך באקענט מיט איינער פון אנשי שלומינו וואס ער האט אויך מורא'דיג שטארק געוואלט אנקומען צום רבי'ן שוין אפאר יאר, האבן מיר אפגעמאכט אז מיר גייען צוזאמען פארן. מיר האבן אריינגעגעבן א פארלאנג צום קאנסול פאר א וויזע, און דערוויל האבן מיר אסאך געבעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן מצליח זיין. אזוי איז אריבער אפאר טעג פון רצונות, געגועים, און כיסופים. דערוויל איז נאך איינער פון אנ"ש געוואויר געווארן אז מיר פלאנען צו פארן, האט ער אונז געבעטן אז ער וויל מיטקומען ווייל ער האט אויך געבעטן דעם אייבערשטן אויף דעם לאנגע יארן אן קיין הפסק, און אין די זכות פון די תפילות פון אלע דריי צוזאמען וועלן מיר זוכה זיין אנצוקומען. האבן מיר מסכים געווען אים מיטצונעמען.

געלויבט איז דער אייבערשטער, דער טאג איז ענדליך אנגעקומען! יענע לעכטיגע טאג! דער פרייליכסטע טאג אין מיין לעבן! מיר פארן!

**געלויבט איז דער אייבערשטער, דער טאג איז ענדליך אנגעקומען! יענע לעכטיגע טאג! דער פרייליכסטע טאג אין מיין לעבן!**

**מיר פארן!**

**דינסטאג תזריע מצורע, ב' דר"ח אייר ה'תשל"ז**

מיר האבן זיך ארויסגעלאזט בשעה טובה ומוצלחת פון ארץ ישראל דריי אזייגער נאכמיטאג און מיר זענען אנגעקומען בשלום אינעם שטאט וויען אין עסטרייך פארנאכטס. מיר האבן גענומען א באס אריין אין שטאט און פון דארט האבן מיר גענומען א טעקסי צו די שטאטישע שול און מיר האבן דארט געדאווענט מעריב בשמחה עצומה אז ברוך השם מיר האלטן שוין אויף א וועג. אמת אז מיר זענען נאך ווייט, אבער כאטשיג אונז טוען אונזעריגע און מיר פארן, אזוי ווי רבי נתן האט געזאגט אויפן וועג פארנדיג צום רבי'ן: "איין



טריט נענטער צום שכל הכולל" (עי' ליקו"מ ח"א סי' ס"א) אזוי אויך ווען רבי נתן האט געוואלט פארן צו ארץ ישראל און ער האט געהאט גרויסע מניעות (כמובא בימי מוהרנ"ת ח"ב עיי"ש) האט ער געזאגט: "דער ים וועט דאך נישט קומען קיין ברסלב" ווי צו זאגן אז מ'דארף כאטש פארן ביז'ן ים און דארט וועט מען שוין ווייטער זען און האפן צום אייבערשטן. און אזוי האט ער טאקע געטון, ער איז געפארן ביז אדעסע צום פארט שטאט. די זעלבע זאך מיט אונז, אז ברוך השם מיר האלטן שוין דא איבער'ן ים. מיר האבן געציילט ספירת העומר (ספירת יום י"ז), נאכן דאווענען האבן די ארטיגע אידן אונז זייער שיין אויפגענומען און אונז צוגעשטעלט א פלאץ צו שלאפן און עסן. ברוך השם איך האב באקומען א פריוואטע צימער, דארט האב איך געענדיגט אלע מיינע שיעורים כסדרן און אסאך גערעדט צום אייבערשטן און געוויינט פון שמחה אז ברוך השם מיר זענען אנגעקומען ביז אהער און אזוי זאל דער אייבערשטער ווייטער העלפן, און דערנאך בין איך געגאנגען שלאפן.

### מיטוואך תזריע מצורע ב' אייר ה'תשל"ז

אינדערפרי זענען מיר אויפגעשטאנען פרי, בערך פינף אזייגער, מיר האבן געזוכט א מקוה און דער אייבערשטער האט אונז צוגעפירט א איד וואס האט אונז געוויזן וואו די מקוה איז, און איך האב ברוך השם אריינגעכאפט ש"י טבילות, לויט ווי דער רבי זאגט אין ספר המידות (אות פחד סי' י"ח) אז אויב מען טובל'ט זיך ש"י (דריי הונדערט און צען) טבילות נעמט עס אוועק אלע פחדים פון א מענטש, ווייל איך האב געהאט אביסל פחדים און דאגות וואס גייט זיין דא. דערנאך זענען מיר געגאנגען דאווענען שחרית מיט אזא התעוררות און אזא געשמאק וויסנדיג אז אפילו מיר זענען דא אונטערוועגנס און נישט געהעריג מסודר אבער דאס איז אלעס



רבי יצחק שליט"א מיט מוהרא"ש זי"ע אין די סוכה

ווייל מיר פארן צום הייליגן רבי'ן וואס וועט אונז מתקן זיין מיט א וואונדערליכע תיקון און אונז ברענגען צו די העכסטע מדריגה.

נאכן דאווענען האב איך אנגעטון תפילין דר"ת און געלערנט הלכה וואס ווי באוואוסט האט דער רבי זייער מקפיד געווען אז מיר זאלן לערנען יעדן טאג שולחן ערוך חק ולא יעבור, אנשי שלומינו פירן זיך עס צו לערנען בשעת'ן האבן אויף זיך די רבינו תם תפילין (עי' כוכבי אור חלק אנשי מוהר"ן סי' ל"ו) דערנאך האבן מיר זיך ארויסגעלאזט אין א טענצל כדי עס זאל ווערן המתקת הדינים (עי' ליקו"מ ח"א סי' י'), דערנאך האבן אונז אפאר אידן צוגעשטעלט א פרישטאג און מיר האבן געגעסן און גערעדט דברי תורה פון די עצות וואס מיר האבן באקומען פונעם הייליגן רבי'ן און מיר האבן געבענטשט ברכת המזון מיט א פרישקייט און א דביקות. בשעת'ן בענטשן האב איך געטראכט צו מיר 'הלוואי' זאל שוין דער אייבערשטער נתגלה ווערן אויף דער גאנצע וועלט' אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות אות מריבה ח"ב סי' ז') דורך ברכת המזון ווערט דער אייבערשטער באוואוסט אויף דער וועלט.

דערנאך זענען מיר געגאנגען שאפן טיקעטס צו קענען פארן מיט די באן פון וויען קיין קיעוו. די טיקעטס האבן מיר געדארפט באקומען פון א לאקאלע טרעוול אגענט. אויפן וועג האבן מיר אביסל געבלאנדשעט אין די שטאטישע גאסן אבער מיר האבן זיך נישט פארלוירן נאר זיך געשטארקט מיט בטחון אינעם אייבערשטן, און מיט די כח פונעם הייליגן רבי'ן וואס האט אמאל געזאגט פאר זיינע גרויסע תלמידים הרה"ק ר' יודל ז"ל און הרה"ק ר' שמואל

אייזיק ז"ל: "עס ווערט באשאפן א מלאך פון יעדן טריט וואס עטס קומטס צו מיר". האבן זיי געזאגט: "רבי עס זענען דאך אויך פאראהאן אלע טריט און אלע טרחות וואס מיר האבן געהאט בשעת'ן זוכן א וואגן וואס זאל אונז קענען אהער ברענגען", האט זיי דער רבי געענטפערט: "בודאי, אויך פון די אלע טריט ווערט באשאפן א מלאך!" אזוי אויך, די לעצטע ערב השנה וואס דער רבי האט געלעבט האט דער רבי גערעדט פון דעם, און זיך אנגערופן: "הלואי זאל איך זוכה זיין צו זען די לעכטיגקייט פון די וועגן וואס אויף זיי קומען ענק צו מיר" (עי' חיי מוהר"ן מעלת המתקרבים אליו סי' א').

ברוך השם מיר האבן געטראפן דעם טרעוול אגענט, אבער אנקומענדיג צו אים זאגט ער אונז אז ער האט פונקט אפאר טעג צוריק אפגעשיקט אונזערע טיקעטס קיין ירושלים מיט די פאסט, האבן מיר אים געפרעגט, מיר האבן דאך אפגעשומעסט אז מיר גייען עס קומען אפנעמען דא אין וויען?!

מיר האבן גלייך גערופן קיין ירושלים און זיי זאגן אונז, גערעכט, עס מוז זיין אז עס איז געשען עפעס א מיספארשטענדעניש און בטעות האט מען אפגעשיקט די קארטלעך אהיים קיין ירושלים, און זיי וועלן עס שיקן מיט די נעקסטע פליגער וואס פארט ארויס פון ארץ ישראל קיין וויען, עס דארף אנקומען בערך צוויי אזייגער נאכמיטאג. ער האט אונז געהייסן ווארטן פאר די טיקעטס אין עירפארט און ער האט אונז פארזיכערט אז אלעס וועט ווערן מסודר.

איך האב געדאנקט און געלויבט דעם אייבערשטן אז ברוך השם מ'האלט שוין דא, אפילו איך האב מורא געהאט אז יעצט אן די טיקעטס האבן אונז דערלייגט די גאנצע נסיעה, אבער וויבאלד יענער האט אונז פארזיכערט אז אלעס וועט ווערן מסודר דאס אליין האט מיך בארואיגט. דעמאלטס האב איך פארשטאנען מרחוק וואס דער רבי האט געזאגט אז ווען ער וואלט געהאט איינער אין די יונגע יארן וואס זאל אים זאגן "**ברודער שטארק זיך**" וואלט ער זיך אסאך מער געשטארקט אין עבודת השם, ווייל איך האב געזען ביי מיר ווי רואיג איך בין געווארן נאר פון הערן פון א מענטש אז עס וועט ווערן מסודר, בפרט יעצט ווען מיר זענען געווען אזוי דערשראקן.

דערווייל זענען מיר געגאנגען אפווארטן די טיקעטס אין עירפארט אבער מיר האבן געווארט און געווארט איבער צוויי שעה עס איז שוין געווארן פיר אזייגער, ואין קול ואין עונה, נישטא קיין זכר פון קיין שליח, קיין זכר פון קיין טיקעטס, און עס ווערט שוין שפעט, דער באן דארף שוין פארן זיבן אזייגער. האבן מיר זיך מיישב געווען, דער רבי האט אונז דאך געגעבן אזא גרינגע עצה אויף יעדן פראבלעם, מ'דארף פשוט עפענען דאס מויל און רעדן צו אים, און חז"ל זאגן דאך "**אפילו חרב חדה מונחת על צווארו של אדם אל ימנע עצמו מן הרחמים**" און בפרט יעצט ווען מיר האבן נאך דריי שעה ביזן באן קען מען דאך זיכער פועל'ן.

זענען מיר געגאנגען יעדן פון אונז באזונדער צו אן אנדערן ווינקל און מיר האבן אלע אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן. איך האב געזאגט פאר'ן אייבערשטן: "ריבונו של עולם! דו ווייסט דאך וויפיל ביטערניש איך בין שוין אריבערגעגאנגען ביז איך בין אנגעקומען ביז אהער און יעצט וועגן א נארישע טעות זאל אלעס אוועקפליען מיט'ן ווינט?! העלף אונז ארויס אז מיר זאלן נושא חן זיין ביי יעדן און אלעס זאל ווערן ערלעדיגט אויפן בעסטן אופן און מיר זאלן קענען אנקומען צום הייליגן רבי'נס ציון אין אומאן".

נאכדעם האבן מיר אפגעמאכט אז מיר גייען צוריק צום טרעוול אגענט און מיר האבן אים אנגעהויבן בעטן ברחמים ובתחנונים אז היות מיר האבן נישט באקומען אונזערע קארטלעך בעטן מיר אים ער זאל אונז ביטע געבן נייע טיקעטס ווייל די באן פארט שוין זיבן אזייגער.

איך האב דאס געטון לויט ווי דער רבי זאגט אין ליקוטי מוהר"ן אז נאכ'ן גזר דין דארף מען מלביש זיין די תפילות אין מעשיות. איך האב מיך געבעטן ביי אים פאר נייע טיקעטס אבער באמת האב איך בכלל נישט גערעדט צו אים איך האב עס געבעטן פונעם אייבערשטען אבער אויף אזא מין וועג אז ס'האט אויסגעזען ווי איך



מוהרא״ש מיט די תלמידים ביים אנקומען צום רבינ׳ס ציון שנת תשמ״ז
באמערקט רבי יצחק שליט״א פערטער פון לינקס

רעד צו אים, און ברוך השם ער האט מסכים געווען אונז צוצושטעלן נייע טיקעטס.

דערווייל האבן מיר אויסגעפונען אז צוויי פון אונז האבן נישט קיין וויזע ארייינצוגיין אין טשעכיי, ווייל ווען מ׳פארט פון וויען קיין קיעוו מוז מען אריבערפארן א גרויס חלק פון לאנד טשעכיי און פאר דעם דארף מען האבן אן עקסטערע וויזע. ווי נאר דער טרעוועל אגענט האט דאס געהערט האט ער אונז געזאגט אז ס׳איז א שאד דער צייט, ס׳לוינט זיך נישט צו פארן, זיי גייען ענק סייווי נישט ארייינלאזן, ס׳נישט מעגליך אריבערצופארן אן א וויזע, און ער האט אונז שוין נישט געוואלט געבן די טיקעטס פארן באן. מיר האבן פארשטאנען אז אויב מיר גייען נישט כאפן דעם באן וועלן מיר מוזן ווארטן פאר די נעקסטע באן וואס פארט ערשט ארויס די קומענדיגע וואך נאך שבת. ס׳איז אונז געווען זייער שווער צו בלייבן דארטן ביז נאך שבת, נאכדערצו אז אונזערע וויזעס קיין רוסלאנד זענען נאר געווען גילטיג פאר יענע וואך, בקיצור, מיר האבן געוואוסט אז מיר מוזן כאפן דעם באן. האבן מיר אנגעהויבן זייער שטארק אים צו בעטן: ״געב אונז נאר די קארטלעך און מיר וועלן זיך שוין אן עצה געבן מיט טשעכיי״, געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר האבן אים באוויזן איבערצורעדן! ער האט אונז געהייסן מיר זאלן זיין ביי די באן סטאנציע אין צייט און ער וועט אהינשיקן א שליח מיט די טיקעטס. מיר זענען ארויס פון אפיס זייער פרייליך אז דער אייבערשטער האט אונז נישט פארלאזט און וועט אונז בוודאי ווייטער העלפן. אזוי ווי רבי נתן האט אמאל געזאגט: **״אזוי גייט דעם רבי׳נס זאך; דער ערשטע טריט ווייזט מען און מער נישט״.**

מיר זענען שנעל צוריקגעגאנגען צו די אכסניא און צאמגעפאקט די רענצלעך און אראפגעלאפן זוכן א טעקסי וואס זאל אונז טראגן צו די באן, אבער ס׳איז נישט געווען קיין טעקסי פאר די אויגן, אפילו די מענטשן פון גאס האבן זיך געוואונדערט און האבן געזאגט אז ס׳איז זייער אן אומגעוועגליכע זאך, ווייל געווענליך איז יענע גאס פול מיט טעקסיס, אבער יעצט, ווי כאילו זיי האבן זיך אפגעשמועסט, האט זיך קיין איין טעקסי נישט אפגעשטעלט. מיר האבן געזען אז ס׳איז נאר אונז אפצוהאלטן פון פארן, אזוי ווי אויף יעדן דבר שבקדושה איז דא מניעות, איז אוודאי און אוודאי דא וואס מיר זענען אויפן וועג צום קדש קדשים, דעם הייליגן רבי׳נס ציון, איז זיכער אז ס׳וועט זיין געוואלדיגע מניעות.

מיינע צוויי חברים האבן זיך שוין מייאש געווען און שוין געוואלט אויפגעבן ווייל עס איז שוין געווען בערך זעקס אזייגער, א קארגע שעה פאר די באן דארף ארויספארן, און מיר האבן געזען בחוש אז אלע מניעות זענען נאר פאר אונז, ממילא האבן זיי שוין געוואלט אויפגעבן.

אבער אין מיר איז אריין א פרישע האפענונג אז דיקא יעצט בשעת די צרה, יעצט וועט קומען די ישועה. איך האב מיך דערמאנט וואס מוהרא"ש פלעגט נאכזאגן, ווען ער האט געהאט א צרה פלעגט ער נאכזאגן א חז"ל אין ירושלמי: "ווען א מענטש האט א צרה זאל ער נישט שרייען נישט צו מלאך מיכאל און נישט צו מלאך גבריאל נאר צום אייבערשטן אליינס. ווען א מענטש האט א צרה זאל ער זיך נישט טענה'ען מיט קיין מענטשן נאר זיך צוריק דרייען צום אייבערשטן". איך האב מיך אויסגעדרייט צו די ווינקל און אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן: "רבוש"ע! קוק ווי מיינע צוויי חברים פרובירן מיך אפצורעדן פון ווייטער פארן אבער איך גלייב באמונה שלימה אז דו קענסט אונז שיקן יעצט א טעקסי וואס וועט נאך אנקומען פאר די באן פארט ארויס". ווי נאר איך האב געענדיגט מיינע ווערטער גלייך שטעלט זיך אפ א טעקסי אנטקעגן איבער און פייפט צו אונז, ווייל ער האט געזען אז מיר שטייען מיט די רענצלעך. ער האט אונז געפרעגט ווי מיר ווילן גיין, האבן מיר אים געענטפערט צו די באן סטאנציע,

**ווען א מענטש האט א צרה זאל ער נישט שרייען נישט צו מלאך מיכאל און נישט צו מלאך גבריאל נאר צום אייבערשטן אליינס. ווען א מענטש האט א צרה זאל ער זיך נישט טענה'ען מיט קיין מענטשן נאר זיך צוריק דרייען צום אייבערשטן.**

אבער שנעל, ווייל עס איז שוין זייער זייער שפעט. מיר האבן זיך אריינגעזעצט אין קאר און ער האט אנגעהויבן זייער שנעל צו פארן ממש קפיצת הדרך און ברוך השם צען מינוט פאר זיבן זענען מיר אנגעקומען צום סטאנציע. מיר האבן גלייך געטראפן דעם שליח פון דער טרעוול אגענט און גענומען פון אים די טיקעטס וואס באמת דאס אליין איז געווען ממש השגחה פרטית, ווייל ער האט פרובירט אונז זאלן פארשפעטיגן די באן ווייל ער האט געוואוסט אז צו פארן אן א טשעכישע וויזע איז א שאד די צייט. און אויך ווייל ער האט געהאט אביסל א געלט שאדן מיט דעם וואס ער האט אונז געדארפט געבן צוויי מאל באן טיקעטס. אבער ברוך השם מיר האבן אים גלייך געטראפן און פון דארט געלאפן צו די באן און ארויפגעשפרינגען אויפן באן ממש א מינוט צו זיבן. די גלעקלעך האבן שוין געקלינגען, די פייפערס פייפן שוין, ווי נאר מיר זענען ארויף האט די באן זיך



מוהרא"ש מיט די תלמידים ביים באזוכן אין סאפיע פארק אין אומאן תשמ"ו

אנגעהויבן רוקן.

די השגחה עליונה איז געווען אזוי קלאר פאר יעדן וואס האט דאס אלעס מיטגעהאלטן ווי דער אייבערשטער האט געמאכט אז אלעס זאל שטימען ממש ווי א זייגער. מיר האבן אנגעהויבן טאנצן אויפן באן פון גרויס שמחה מיט די באקאנטע ניגון צווישן ברסלב'ע חסידים **'מי יתן לי אבר כיונה אעופה ציון הקדוש אומנה'**. אלע גוים האבן זיך צוגעקוקט און נישט פארשטאנען "וואס גייט דא פאר?..." א חלק האבן אנגעהויבן מיטפאטשן מיט די הענט צו מאכן מער פריילעך, די שמחה איז געווען גאר גרויס! געלויבט דעם אייבערשטן אויף ביז אהער, אזוי זאל דער אייבערשטער אייביג ווייטער העלפן.

א קורצע צייט שפעטער זענען מיר אנגעקומען צום גרעניץ וואס איז צווישן עסטרייך און טשעכיי. דא האט זיך די באן אפגעשטעלט און עס זענען ארויפגעקומען די גרעניץ וואך פאליציי צו איבערקוקן אויב יעדער האט א וויזע. ווען ס'איז אנגעקומען אונזער רייע און זיי האבן געזען אז אונז האבן נישט קיין וויזע, ווי פריער דערמאנט, האבן זיי אונז געהייסן אראפגיין פון די באן. ס'האט נישט געהאלפן קיין שום טענות ומענות מיר האבן געמוזט אראפגיין. זיי האבן אונז אריינגעפירט אין א אפיס און געזאגט אז מיר וועלן דא מוזן איבערנעכטיגן און אינדערפרי וועט קומען א באן וואס וועט אונז צוריקפירן קיין ווין. מיר זענען געווארן זייער צובראכן, עס האט אויסגעזען אז עס איז שוין דערנאך, מיר וועלן שוין נישט קענען פארן.

אבער איך האב מיך דערמאנט וואס דער רבי זאגט אז ווען עס קוקט אויס אז עס איז שוין לאחר גזר דין דארף מען מלביש זיין די תפילות אין מעשיות כדי די מלאכים וואס שטייען און ווילן מקטרג זיין זאלן נישט פארשטיין, אזוי אויך זאגט דער רבי אין ספר המידות אז נאכ'ן גזר דין זאל מען פארציילן מעשיות פון צדיקים.

אזוי אויך זאגט דער רבי אז דורך פארציילן מעשיות פון צדיקים טוט דער אייבערשטער א חסד מיט די מענטש. האב איך זיי פארציילט מעשיות פון צדיקים, וויאזוי מיט אלע זייערע צרות האט דער אייבערשטער זיי געהאלפן און ארויסגענומען פון אלע צרות...

אינמיטן זענען אנגעקומען אפאר פאליציי אפיצירן און אונז אנגעהויבן אויספרעגן חקירות ודרישות און אויך צוגענומען אונזערע רענצלעך דורכצוקוקן. איך בין געווארן זייער צובראכן, איך בין געגאנגען אין א ווינקל פון די אפיס און געזאגט פאר'ן אייבערשטן: "האסט מיך געברענגט ביז אהער, ברענג מיר קיין אומאן" אזוי האב איך אסאך געבעטן און געבעטן און נישט געקוקט אויף קיינעם, פון וועם האב איך מיך צו שעמען? קיינער קען מיר סייווי נישט העלפן נאר דער אייבערשטער! אזוי האב איך געזען ביי אסאך ברסלב'ער חסידים אז ווען זיי דארפן עפעס דרייען זיי זיך אויס דער פנים צום וואנט און הייבן אן בעטן דעם אייבערשטן



מוהרא"ש זי"ע מיט הרב יצחק שליט"א אין יבנאל

און שעמען זיך נישט פון קיינעם. אינמיטן בעטן איז צוגעקומען צו אונז איינער פון די פאליציי אפיצירן און געזאגט אז זיי האבן אפגעמאכט אונז צו געבן א וויזע אויפן פלאץ און מיר קענען שוין ווייטער פארן! אויפן פלאץ האט ער געשריבן א וויזע און אונז גלייך ארויסגעשיקט אינדרויסן כדי מיר זאלן שוין קענען ווייטער פארן. ווער עס האט דאס בייגעוואוינט האט געזען די השגחה פונעם אייבערשטן אויף יעדן פרט ופרט אז טאקע פון איין זייט איז דא גרויסע מניעות אבער ווי נאר א מענטש האלט זיך שטארק אין תפילה גלייך העלפט אים דער אייבערשטער.

מיר קומען ארויס און מיר זעהן אז די באן מיט וואס מיר זענען געקומען איז שוין ווייטער געפארן. וואס טוט מען דא ווייטער?! מיר זענען צוגעגאנגען צו איינער פון די באאמטע פרעגן וואס מען טוט דא ווייטער, האט ער אונז געזאגט אז נאך אפאר מינוט פארט ארויס א באן צו די שטאט פרעשבורג, און פון דארט קען מען נאך כאפן די באן וואס איז געפארן קיין קיעוו. אזוי האבן מיר טאקע געטון, אבער ווען מיר זענען אנגעקומען קיין פרעשבורג האבן מיר זיך דערוואוסט אז פון דא איז שוין דער באן אויך ווייטער געפארן און די נעקסטע באן קיין קיעוו איז ערשט מארגן נאכט, שפעט ליל שישי, מיר זענען געבליבן קרח מכאן וקרח מכאן. אבער דער אייבערשטער האט אונז ווייטער נישט פארלאזט, און איך האב נישט אויפגעהערט בעטן: "רבוש"ע האב רחמנות אויף אונז, העלף אונז ארויס".

**אבער דער אייבערשטער האט געמאכט פאר אונז גרויסע נסים, די עירליין באאמטע וואס האבן פריער גערעדט אזוי שטרענג צו אונז זענען יעצט געשטאנען מיט פארשעמטע פנים'ער און נישט געקענט גלייבן אז עפעס אומפארשטענדליך האט דא פאסירט, אבער די פאקט איז אז ס'איז דא ליידיגע פלעצער אויפ'ן פליגער פאר אונז.**

אזוי דריי איך מיך אהער און אהין אינעם באן סטאנציע בשעת מיינע ליפן שאקלען זיך אן אויפהער מיט א געבעט צום אייבערשטן, און איך זע ווי עס פארן ארויס באנען איינס נאכן צווייטן יעדן צו זיין דעסטינאציע ביז עס איז איבערגעבליבן נאר איין באן, בין איך זיך געגאנגען אינטערסירן וואו יענע באן פארט, איך האב נישט אזוי פונקטליך פארשטאנען וואס זיי האבן מיר געענטפערט ווייל זיי האבן גערעדט אין אן אנדערע שפראך, נאר אזויפיל האב איך יא פארשטאנען אז עס פארט אינעם ריכטונג פון רוסלאנד, און


מוהרא"ש ז"ע ביים ציון תשמ"ו

עס קומט אן נישט ווייט פונעם גרעניץ, איך האב געפילט ווי איינער שטופט מיך ארויפצוגיין אויף יענע באן, און איך האב געפילט ווי איינער זאגט מיר די תורה אין ליקוטי מוהר"ן אז ווען א מענטש שרייט צום אייבערשטן הייסט מען אים – פאר! אזוי ווי עס שטייט מה תצעק אלי דבר אל בני ישראל ויסעו, האב איך אמאל געהערט פון מוהרא"ש אז דאס גייט ארויף אויף פארן צו א צדיק. איך האב שנעל גערופן מיינע צוויי חברים און ארויפגעגאנגען אויף יענע באן.

אפילו איך בין שוין געווען זייער מיד, דאך האב איך מיך געשטארקט און געדאוונט מעריב ווארט ביי ווארט מיט א פרישקייט און א דביקות. געלויבט דעם אייבערשטן אז מ'פארט, אפילו איך ווייס נאכנישט צו וואו, אבער אין מיין הארץ האב איך געשפירט אז איך פאר צום רבי'ן. נאך מעריב האב איך געגעסן און געליינט קריאת שמע שעל המיטה און זיך געלייגט שלאפן, און אזוי איז דער באן געפארן א גאנצע נאכט.

### דאנערשטאג תזריע מצורע ג' אייר ה'תשל"ז

אינדערפרי בין איך אויפגעשטאנען פאר די עלות, נאך ברכת התורה האב איך געזאגט 'תיקון חצות', דערנאך האב איך געזאגט אסאך פרקים משניות און זיך מתבודד געווען, און געבעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן מצליח זיין אנצוקומען בשלום צום רבינ'ס ציון. ווען ס'איז געווארן לעכטיג האב איך געדאוונט שחרית, און געלערנט אביסל, און דערנאך געגעסן פת שחרית, וואס דער רבי האט זייער מקפיד געווען דערויף, און אזוי אויך חז"ל זאגן אויף דעם גאר גרויסע זאכן פאר ווער ס'עסט פת שחרית יעדן טאג. בשעת'ן עסן האבן מיר גערעדט דברי תורה, בפרט אין די עצות פונעם הייליגן רבי'ן וואס ווען מען רעדט פון רבי'ן קען זיך פארציען די שמועס מענין לענין ביז מען פארגעסט אינגאנצן אויף וועלכע וועלט מ'איז פון גרויס געשמאקייט און זיסקייט. וואויל איז דער מענטש וואס רעדט יעדן טאג פון רבי'ן און פון זיינע הייליגע עצות!

דערווייל איז דער באן אריבערגעפארן בערג און טאלן און הערליכע וועגן, מיר האבן געזען באשיינפערליך דעם 'מה רבו מעשיך השם', מיר האבן געפילט ווי די גאנצע בריאה ארום אונז זינגט און לויבט דעם אייבערשטן.

בערך ניין אזייגער זענען מיר אנגעקומען צום שטאט טשארנע אין טשעכיי דארט האבן מיר געדארפט טוישן באנען. אזוי איז מען ווייטער געפארן נאך א שעה ביז די לעצטע סטאנציע אין טשעכיי, דארטן האט זיך די באן אפגעשטעלט און מיר האבן געמוזט אראפגיין. מיר האבן זיך ארומגעדרייט אינעם סטאנציע אהין און אהער נישט וואוסנדיג



שבע ברכות פון ר' יעקב לעסער שליט"א

וואס ווייטער צו טון, ווייל מיר האבן זיך נאכגעפרעגט אויף די נעקסטע באן קיין רוסלאנד און געזען אז די נעקסטע באן פארט ערשט ארויס דער קומענדיגן אינדערפרי, דאס מיינט ערב שבת קודש, און עס איז אונז געווען זייער נישט באקוועם צו דארפן איבערנעכטיגן אין טשעכיי, ווייל מיר האבן זייער שטארק געוואלט שוין ווייטער פארן, ווייל דער כח המושך פון רבי'ן האט אונז געשלעפט, אזוי ווי ס'שטייט אין ליקוטי מוהר"ן אז ווי נענטער מ'קומט צום צדיק ווערט די כח המושך שטערקער. אבער אז ס'נישטא קיין באן איז נישטא קיין באן.

איך האב גלייך ווייטער אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן "ותקננו בעצה טובה מלפניך - געב מיר אריין עפעס א געדאנק וואס מען טוט דא", אביסל שפעטער האבן מיר זיך דערוואוסט אז מען קען נעמען א טעקסי צו א גרויסע שטאט וואס הייסט 'ווינעש נימעטסקי' און פון דארטן פארט א באס פינף אזייגער וואס פארט אריבער די גרעניץ אריין אין רוסלאנד, און פון דארט וועט

מען שוין טרעפן א וועג ווייטער צו קיעוו. אזוי האבן מיר טאקע געטון, מיר זענען אנגעקומען דארט 04:21 און אראפגעלייגט די רענצלעך און זיך אראפגעזעצט ווארטן אויפן באס וואס וועט אונז אריבערטראגן די גרעניץ. ביז דערווייל וואס מיינע חברים זענען געזעצן אין אכטונג געגעבן אויף די רענצלעך האב איך גענומען די געלעגנהייט און זיך געגעבן א כאפ ארויס צו א דערנעבנדיגע פעלד און איך האב אנגעהויבן רעדן צום אייבערשטן.קודם האב איך אים געדאנקט אז איך בין שוין נענטער צום ציון, דערנאך האב איך אנגעהויבן וויינען צום אייבערשטן און איך האב פארציילט אלעס וואס גייט איבער אויף מיר בפרטי פרטיות, ביז איך בין אנגעקומען צו א קליינע טייכל איך האב מיך גלייך אויסגעטון און אריינגעטאנצן אין וואסער און זיך גע'טובל'ט אפאר טבילות. איך בין ארויסגעקומען מלא שמחה אז ברוך השם נאך א טאג איז אריבער וואס איך האב אריינגעכאפט א מקוה אזוי ווי רבי נתן האט צוגעזאגט אז ווער עס וועט זיין שטארק אין טבילת מקוה וועט האבן א האפענונג אלעס צו פארעכטן. אזוי אויך אויפן וועג צוריק האב איך זיך ווייטער מתבודד געווען. ווען איך בין צוריק געקומען האב איך געטראפן מיינע צוויי חברים זיצן און זאגן תהלים איך האב מיך אויך צוגעזעצט צו זיי און מיטגעזאגט תהלים, מיר האבן קוים געקענט ווארטן אויפן באס וואס וועט אונז טראגן נאך נענטער צום הייליגן רבינ'ס ציון.

ברוך השם פינף אזייגער פונקטליך איז די באס אנגעקומען, מיר זענען פריילעכערהייט ארויפגעגאנגען, ברוך השם ס'איז גלייך ארויסגעפארן אן קיין אויפהאלטונגען און מיר זענען אריבער די גרעניץ בשלום. און... ענדליך... מיר זענען אין רוסלאנד!

זיי האבן אונז אלע אריינגעפירט אין א גרויסע צימער און אנגעהויבן אויספרעגן מיט אלע מיני חקירות ודרישות, אבער פון גרויס פרייד אז מיר זענען שוין דא אין רוסלאנד איז עס אונז גארנישט אנגעגאנגען, און מיר האבן כמעט נישט אויסגעהערט וואס זיי רעדן צו אונז בכלל, ברוך השם אלעס איז אריבער בשלום זיי האבן אונז גארנישט געטון און גארנישט צוגענומען פון אונז, אפילו די ספרים האבן זיי נישט אנגערירט.

אינמיטן איז אריינגעקומען א הויכע פאליציי מאן וואס האט אויסגעזען ממש ווי איינער פון די מלאכי חבלה און צוגעקומען צו אונז און געפרעגט: "וויאזוי זענען ענק אנגעקומען אהער? אויפן וויזע שטייט דאך אז ענק מוזן פארן גראד קיין קיעוו און נישט קיין אנדערע שטאט, און דא איז דאך ווייט אוועק פון קיעוו!" האבן מיר אים פארציילט אלעס וואס איז אויף אונז דורכגעגאנגען ביז אהער, און ער איז געבליבן זייער פארוואונדערט, אבער ברוך השם מיר האבן נושא חן געווען אין זיינע אויגן און ער האט גערעדט צו אונז זייער שיין און האט אונז געזאגט אז מיר קענען ווייטער פארן קיין



תלמידי מוהרא"ש ביים ציון אין די יארן וואס ס'איז געווען אינטער די קאמוניזם

קיעוו. אבער היות היינט נאכט איז שוין נישט מעגליך צו פארן אין ערגעץ, וועט מען מוזן פארן מארגן אינדערפרי.

בלית ברירה האבן מיר מסכים געווען און זיי האבן אונז צוגעפירט צו א לאקאלע האטעל ווי אונז זאלן איבערנעכטיגן. די שטאט האט געהייסן אזגראד, א קליינע שטעטל נישט ווייט פון מונקאטש, זיי האבן אונז געגעבן א גרויסע צימער, מיר האבן געדאווענט מעריב, געליינט קריאת שמע, מיר זענען שוין געווען זייער מיד און מיר זענען גלייך איינגעשלאפן.

### פרייטאג תזריע מצורע ד' אייר ה'תשל"ז

אינדערפרי זענען מיר אויפגעשטאנען ווען עס איז שוין געווען ליכטיג, מיר האבן געדאווענט שחרית אביסל בזריזות. אונזער הארץ האט שטארק געקלאפט נישט וויסנדיג וואס גייט דא ווייטער זיין. מיר האבן אפגעמאכט אז וויבאלד היינט איז ערב שבת און מ'קען נישט וויסן ווי לאנג ס'וועט נעמען די וועג קיין קיעוו וועלן מיר שוין בלייבן אין דעם שטעטל איבער שבת, וויבאלד מיר האבן מורא געהאט נישט צוצוקומען צו חילול שבת חס ושלום.

פלוצלונג איז אנגעקומען א שליח פון די אינטוריסט אז מיר זאלן שוין אריבערקומען צו די אפיס. איך מיט איינער פון מיינע חברים זענען אהינגעגאנגען בשעת דער דריטער איז געבליבן אין האטעל אכטונג געבן אויף די רענצלעך. ווען מיר זענען אנגעקומען צום אפיס האט דער סופערוויזער אנגעהויבן שרייען אויף אונז בקולי קולות: "וואס טוט עטץ דא?! ווער האט ענק געלאזט דא איבערנעכטיגן? אויפן וויזע שטייט נאר קיעוו!" מיר האבן אים פרובירט צו דערציילן אלעס וואס איז געשען ביז אהער אבער ס'האט גארנישט געהאלפן. ער האט אונז געזאגט אז מיר טארן נישט בלייבן אין דעם שטעטל אפילו נאך א רגע. מיר האבן אים מסביר געווען אז מיר זענען אידן און היינט איז ערב שבת און שבת טארן מיר נישט פארן, אבער ער, ווי א טויבער, האט אונז גארנישט אויסגעהערט נאר געהאלטן אין איין שרייען אז מיר דארפן שוין פארלאזן דער שטאט. אינמיטן רעדן האט ער אונז אנגעהויבן חושד זיין אז מיר טראגן ביי זיך אומלעגאלע געלטער און האט אונז אפן געווארנט אז אויב מיר פארן נישט אוועק פון דא תיכף ומיד וועט ער מאכן א בלבול אויף אונז און ס'וועט זיין זייער ביטער.

מיר האבן געזען אז דער רשע מיינט עס ערנסט און מיר מוזן זיך שוין רוקן פון דא, מיר זענען שנעל געלאפן זוכן א באן וואס פארט קיין קיעוו, געלויבט דעם אייבערשטן מיר האבן געטראפן א באן וואס פארט אין א האלבע שעה, מיר זענען שנעל ארויף און די באן האט זיך גענומען פארן שנעל ווי א פייל און בויגן.

אפילו אזוי האב איך זייער מורא געהאט און איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן חס ושלום נישט נכשל ווערן



הבי יצחק שליט"א משמש מוהרא"ש זי"ע

אין חילול שבת און מיר זאלן נאך אנקומען קיין קיעוו בעוד היום גדול, פון גרויס פחד אז מיר וועלן חלילה שפעטיגן האב איך אפילו נישט געהאט דער קאפ אויפן פלאץ צו קענען לערנען מיינע שיעורים, איך האב נאר געקענט רעדן צום אייבערשטן. ווען מיר זענען אנגעקומען צום שטאט לעמבערג האבן מיר אפגעמאכט, זאל זיין וואס זאל זיין, מיר בלייבן דא אויף שבת! אבער זיי האבן אונז נישט אראפגעלאזט פון די באן, מיר האבן גע'טענה'ט אז מיר שפירן זיך נישט גוט און מיר דארפן גיין אין שפיטאל, מיר האבן אנגעהויבן אראפגיין פונעם באן, אבער די פאליציי האבן אונז צוריק ארויפגעשטופט מיט א רציחה. למעשה זענען מיר ווייטער

געפארן און זענען אנגעקומען קיין קיעוו ממש ביי שקיעת החמה. באמת האבן מיר שוין געוואלט פארבלייבן אויפן באן ביז נאך שבת אבער מ'האט אונז בשום אופן נישט געלאזט, כאטשיג דאס האבן אונז יא געטון אז מיר האבן אריינגעלייגט אלע אונזערע זאכן אין די רענצלעך און גארנישט מיטגעטראגן מיט זיך. איינער פון די ערלים פון דער אינטוריסט האט גענומען אונזערע פעקלעך צום האטעל און מיר זענען שוין געגאנגען צופיס, און געדאנקט און געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר זענען נישט נכשל געווארן מיט חילול שבת.

ווען מיר זענען אנגעקומען צו די האטעל האבן מיר גלייך אנגעהויבן דאווענען מנחה און געזאגט הודו מיט א מורא'דיגע ברען, און געדאנקט דעם אייבערשטן פאר אלעס וואס ער האט אונז געהאלפן ביז אהער. דערנאך האבן מיר געזינגען לכה דודי מיט א פרייליכע ניגון און געטאנצן צוזאמען און געדאווענט מעריב, דערנאך האבן מיר געמאכט קידוש מיט וויין וואס מיר האבן מיטגעברענגט און געגעסן די סעודה און אסאך גערעדט דברי תורה פון הייליגן רבי'ן. און אזוי ווייטער שבת אינדערפרי זענען מיר אויפגעשטאנען פרי געדאווענט און געגעסן די סעודה, דערנאך מנחה מיט שלש סעודות, און אזוי איז די גאנצע שבת אריבער מיט א מורא'דיגע דערהויבנקייט מיט אסאך תורה, תפילה און התבודדות.

**פאר אלעס לוינט זיך זיך צו וואשן צו מלוה מלכה און עסן אפילו א כזית, ווייל איך האב געהערט פון מוהרא"ש אז ווער ס'עסט מלוה מלכה וועט ווערן אפגעהיטן פון אלעם שלעכטס א גאנצע וואך, ווייל דער שבת קודש באגלייט אים די גאנצע וואך.**

מוהרא"ש זי"ע ביים משמיע זיין דברות קודש אין אומאן



### מוצאי שבת קודש תזריע מצורע ה' אייר ה'תשל"ז

מיר האבן געדאווענט מעריב און געמאכט הבדלה. מיינע חברים האבן גלייך געוואלט ארויסלויפן אינדרויסן זוכן א וועג אבער איך האב זיי געזאגט אז פאר אלעס לוינט זיך זיך צו וואשן צו מלוה מלכה און עסן אפילו א כזית, ווייל איך האב געהערט פון מוהרא"ש אז ווער ס'עסט מלוה מלכה וועט ווערן אפגעהיטן פון אלעם שלעכטס א גאנצע וואך, ווייל דער שבת קודש באגלייט אים די גאנצע וואך. מיר האבן זיך אראפגעזעצט עסן, געזינגען אלע זמירות, און געבענטשט.

דערנאך זענען מיר ארויס זוכן א טעקסי וואס זאל אונז פירן קיין אומאן. מיר האבן זיך אזוי געדרייט ביז מיר האבן געפונען די סטאנציע ווי די טעקסיס שטייען גרייט צו פארן, אבער דאס זענען געווען טעקסיס וואס פארן נאר לאקאל אין שטאט, זענען מיר צוגעגאנגען צו די מענעדשער און געפרעגט אויב ער קען אונז פארשאפן א טעקסי וואס זאל אונז טראגן אויסערן שטאט.

מיר האבן אים נישט

געוואלט גלייך זאגן אונזער אמת'ע דעסטינאציע וואו מיר האבן געוואלט אנקומען. ווי פארוואונדערט זענען מיר געווארן ווען ער האט אונז געענטפערט אין אידיש: "וואו ווילט איר פארן?" ער איז געווען א איד און ס'איז געווען קענטליך אז ער וויל אונז העלפן, דעמאלטס האבן מיר אים פארציילט דעם אמת אז מיר זוכן א טעקסי קיין אומאן, ער האט שוין געוואוסט צו זאגן איבער די נסיעות קיין אומאן און ער האט אונז געזאגט אז ער גייט זען וואס ער קען טון. ער האט אונז געווינקען מיר זאלן שטיין אין א זייט און ער איז אריין אין אפיס זוכן א דרייווער וואס זאל זיין וויליג אונז צו טראגן קיין אומאן.

נאך א קורצע ווילע איז ער ארויסגעקומען און געזאגט אז ער האט קיינעם נישט געטראפן, אבער אויב מיר קומען צוריק מארגן אינדערפרי בערך פינף אזייגער האט ער א גוטע חבר וואס וועט מסכים זיין אונז צו טראגן. בלית ברירה זענען מיר צוריק געגאנגען צום האטעל, עס איז שוין געווען צוויי אזייגער אויפדערנאכט, איך האב געזאגט תיקון חצות, געליינט קריאת שמע, און זיך אביסל אראפגעלייגט כדי מיר זאלן קענען אויפשטיין פינף אזייגער צוריקצוגיין צו יענעם איד וואס וועט אונז פארשאפן א דרייווער.

**זונטאג אחרי קדושים ו' אייר ה'תשל"ז**

למעשה זענען מיר פארשלאפן און מיר האבן זיך אויפגעכאפט בערך זעקס אזייגער, מיר האבן פארשטאנען אז עס איז שוין צו שפעט און מיר דארפן זוכן אן אנדערע וועג. מיר האבן געדאווענט שחרית מיט א גרויס התעוררות ווייל מיר האבן געפילט אז היינט וועלן מיר זוכה זיין צו זיין ביים רבינ'ס ציון, דערנאך האבן מיר שנעל געגעסן פת שחרית און גלייך געגאנגען צום אינטוריסט



מוהרא"ש זי"ע ביים צינדן ליכט אין אומאן ביים ציון הקדוש

כדי צו קענען זען אויב זיי קענען אונז געבן א וויזע צו קענען פארן קיין אומאן. ווען מיר זענען דארט אנגעקומען איז דארט געווען נאר איין פרוי, ווען מיר האבן איר געבעטן א וויזע האט זי אונז געזאגט אז וויבאלד היינט איז זונטאג און זיי זענען פארמאכט און די סופערווייזער געפונט זיך נישט אין אפיס איז נישט מעגליך היינט צו באקומען א וויזע, דערווייל

היינט זאלן אונז בלייבן אין קיעוו און מארגן צוריקקומען, אפשר וועט ער אונז מארגן געבן א וויזע, אדער יא אדער נישט. ביזדערווייל וואס מיר האבן געטראכט וואס צו טון האט זי אונז געזאגט אז ס'איז דא א שול דא אין קיעוו, ס'לוינט זיך צו גיין באזוכן דארט. מיר האבן גענומען פון איר די אדרעס און גענומען א טעקסי אהין. ווען מיר זענען אנגעקומען אהין האבן מיר געטראפן א הערליכע גרויסע שול, מיר האבן געטראפן דארט די פרעזידענט און די גבאי פון די שול, זיי האבן אונז אויפגענומען בכבוד גדול און געוויזן די שול און די מצה בעקעריי, און אויך דערציילט אז זיי האבן אפילו א מקוה דא אין קעלער. ווי מיר האבן דאס געהערט האבן מיר אים געבעטן אויב מיר קענען גיין אין מקוה, זיי האבן אונז אריינגעלאזט, מיר האבן זיך גע'טובל'ט מיט גרויס שמחה אז ברוך השם אפילו דא אין די ווייטע מדינה האבן מיר זוכה געווען אריינצוכאפן א מקוה, בפרט וואס צוויי טעג זענען אונז שוין נישט געווען אין מקוה, איך האב דארט געבעטן דעם אייבערשטן אז ער האט אונז שוין מזכה געווען מיט א מקוה, זאל ער אונז אויך מזכה זיין צו זיין ביי רבינ'ס ציון. דערנאך זענען מיר ארויפגעקומען, זיך באדאנקט פאר די מקוה, און גענומען א טעקסי צו די פלאץ וואו עס זענען פארזאמלט די טעקסיס וואס פארן

ארויס פון שטאט, וואס דארט איז אויך געווען די באס סטאפ.

מיר זענען אנגעקומען צו די טעקסיס און צוגעגאנגען צו די דרייווערס וואס זענען געשטאנען און געשמועסט און געפרעגט...."אומאן? אומאן?" אבער קיינער האט זיך נישט וואוסנדיג געמאכט פון אונז. בין איך געגאנגען אין א זייט און געבעטן דעם אייבערשטן: "רבוש"ע! האסט מיך געברענגט ביז אהער, נעם מיך קיין אומאן". אינמיטן איז צוגעקומען צו אונז איינער פון די דרייווערס און געזאגט אז ער איז מסכים אונז צו נעמען, נאר ביים גרעניץ פון שטאט פאר מען פארט ארויס וועט ער מוזן נעמען רשות פון זיין בעל הבית ווייטער צו פארן. מיר זענען אריין אין זיין קאר און אנגעהויבן פארן.

אזוי זענען מיר געפארן ביז די עק שטאט, דארט האט ער זיך אפגעשטעלט און אריין אין עפעס א אפיס. נאך א שטיק צייט איז ער ארויס געקומען און זיך אנטשולדיגט אז ער קען נישט ווייטער פארן, און ער גייט אונז צוריקנעמען צו די טעקסיס, בלית ברירה זענען מיר צוריקגעפארן.

מיר האבן אפגעמאכט אז מיר גייען נעמען די באס, אבער מיר האבן נישט פארשטאנען קיין איין ווארט וואס זיי האבן גערעדט, און עס איז אויך נישט געווען קיינער וואס האט פארשטאנען אונזערע רמזים, אינמיטן איז צוגעקומען א מענטש און מיר

**"וויאזוי קען איך גיין שלאפן ווען איך ווייס אז ממש דא נאנט געפונט זיך דעם הייליגן רבינ'ס ציון?!**

**איך האב ממש נישט געקענט פועל'ן ביי מיר צו גיין שלאפן, אפילו איך בין געווען זייער זייער מיד און כמעט איינגעשלאפן זיצנדיג אויפן בענקל.**

האבן אים געפרעגט: "אומאן? אומאן?" האט ער געשאקלט מיטן קאפ, און געוואונקען מיר זאלן אים נאכקומען, מיר זענען אים נאכגעגאנגען ארויף אויף א באס, נאכן פארן אזוי צען מינוט אין די שטאטישע געסער איז ער אראפ און אנגעהויבן גיין צופיס און מיר גייען אים נאך, נאך אפאר מינוט אזוי גייענדיג שטעלט ער זיך אפ ביי א בנין און ווייזט מיט די פינגער און רופט זיך אן: "אומאן! אומאן!" ווי צו זאגן 'דא, אונז זענען אנגעקומען', האבן מיר פארשטאנען אז ער האט זיך טועה געווען און בכלל נישט פארשטאנען וואו אונז ווילן אנקומען, ער האט געמיינט אומאן איז עפעס א שטאטישע בנין אדער אפיס וכדו', מיר האבן אים באדאנקט אויף דער טרחה וואס ער האט זיך מטריח געווען אונז צו העלפן און ער איז זיך אוועקגעגאנגען. איך האב מחזק געווען מיינע חברים אז בוודאי אלעס וואס דער אייבערשטער טוט איז זיכער גוט, און ווי דער הייליגער בעל שם טוב האט געזאגט: "**א איד גייט נישט, א איד פירט מען**".

דערווייל האבן מיר באמערקט אז מיר זענען ממש נאנט צו אונזער האטעל ווי מיר שטייען איין, וויבאלד עס איז שוין געווען פארנאכטס און מיר זענען געווען זייער אויסגעמוטשעט נאך אזא טאג, זענען מיר צוריק אין האטעל און געדאווענט מנחה, און דערנאך גערעדט פון רבי'ן, מיר האבן זיך מורא'דיג מחיה געווען אז אפילו דא אין אזא פארשטופטע פלאץ זענען מיר זוכה צו רעדן פון הייליגן רבי'ן, דערנאך האבן מיר געדאווענט מעריב בזמנו, געגעסן נאכטמאל, און געבענטשט.



מעריב אין יבנאל
ווינטער תשפ"ב

ס'איז שוין געווען בערך צען אזייגער, מיר האבן נישט געקענט אפמאכן וואס ווייטער צו טון, זאלן מיר צוריקגיין צו די טעקסיס און אנהייבן פון פריש זוכן א טעקסי, אדער זאלן מיר שוין ווארטן אויף מארגן און צוריקגיין צום אינטוריסט אפיס און פרובירן צו באקומען א וויזע צו קענען געהעריג פארן קיין אומאן. נאר וויבאלד מיר זענען געווען זייער מיד האבן מיר באשלאסן אז מיר גייען זיך קודם אראפלייגן שלאפן. איך בין אריין אין מיין צימער אבער איך האב געזאגט פארן אייבערשטן: "וויאזוי קען איך גיין שלאפן ווען איך ווייס אז ממש דא נאנט געפונט זיך דעם הייליגן רבינ'ס ציון?! איך האב ממש נישט געקענט פועל'ן ביי מיר צו גיין שלאפן, אפילו איך בין געווען זייער זייער מיד און כמעט איינגעשלאפן זיצנדיג אויפן בענקל. האב איך אפגעמאכט אז איך גיי מיך אראפלייגן ביז חצות, נאכדעם ביי תיקון חצות וועל איך אסאך בעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיר אריינשיינען וואס צו טון ווייל די צייט פון חצות איז זייער מסוגל פאר אלע ישועות. איך האב געליינט קריאת שמע שעל המטה און זיך אראפגעלייגט.

נאך בערך א שעה און א האלב האב איך מיך אויפגעכאפט מיט א גרויס התעוררות, זאל זיין וואס זאל זיין איך מוז אנקומען צום רבי'נס ציון! איך בין אראפגעגאנגען צו די צימער וואו מיינע צוויי חברים זענען געווען און איך האב זיי געטראפן שמועסן צוזאמען, זיי זענען נאכנישט געגאנגען שלאפן. איך האב מיך אנגערופן: "קומטס...מיר גייען ארויס זוכן א טעקסי וואס זאל אונז טראגן קיין אומאן!" איך האב עס געזאגט מיט אזא שטארקייט און קוראזש אז זיי האבן זיך גלייך אנגעטון און געמאכט גרייט צו פארן. מיר זענען ארויס פון די האטעל איינס ביי איינס, נישט אלע צוזאמען, כדי נישט מאכן קיין חשדות ביי די שומר הפתח פונעם האטעל, מיר זענען געגאנגען א גאס אוועק און זיך געשטעלט ווארטן אויף א טעקסי. דערווייל האבן מיר באמערקט אז ס'איז דא א לבנה און מיר האבן זיך דערמאנט אז מיר האבן נאכנישט געמאכט קידוש לבנה. מיר האבן מקדש געווען די לבנה מיט א מורא'דיגע חיות אז דא אין רוסלאנד זענען מיר זוכה צו מאכן קידוש לבנה אויפן גאס. דערווייל האט זיך אפגעשטעלט נעבן אונז א טעקסי און געוויזן מיט די הענט פרעגנדיג: "וואו ווילן ענק פארן?" האבן מיר אים געענטפערט: "אומאן... אומאן...", מיט א פרייליכע פנים האט ער אונז געוויזן אז מיר זאלן אריינקומען אין זיין קאר און מיר האבן פארשטאנען פון אים אז ער גייט אונז טראגן צו די טעקסיס וואו מיר זענען שוין היינט געווען, און פון דארט וועט ער אונז טרעפן א דרייווער וואס זאל אונז ווייטער פירן קיין אומאן.

מיר זענען אנגעקומען צו די טעקסי סטאנציע און די דרייווער איז ארויס זוכן א קאר פאר אונז, נאך א פערטל שעה איז ער צוריקגעקומען און געזאגט אז ער

טרעפט נישט קיינעם ווייל עס האט אנגעהויבן לייכט צו רעגענען און בעיקר איז געווען א שווערע נעפל, מען האט קוים געקענט זען איינער דעם אנדערן, און קיינער האט נישט געוואלט פארן אין אזא וועטער. ער האט אונז געהייסן ארויסגיין פון זיין קאר, מיר האבן אים אנגעהויבן בעטן אפשר קען ער אונז טראגן קיין אומאן, מיר האבן אים צוגעזאגט א ריזן סכום געלט, אבער ער האט בשום אופן נישט מסכים געווען, און האט אונז געהייסן שוין ארויסגיין פון זיין קאר. זענען אונז אליין צוגעגאנגען צו עטליכע דרייווערס און פרובירט צו זוכן איינער וואס וועט מסכים זיין אונז צו נעמען קיין אומאן. מיר האבן צוגעזאגט גרויסע סומעס געלט אבער יעדער האט זיך ארויסגעדרייט מיט אן אנדערע תירוץ, ביז מיר האבן געטראפן איין טעקסי וואס ער האט מסכים געווען אונז צו טראגן אבער פאר א ריזן סומע געלט, מיר האבן מסכים געווען און זיך זייער געפרייט, אבער ער האט גלייך דערויף חרטה געהאט. אזוי איז געווען עטליכע מאל, מיר זענען געווארן אנטוישט, ביז מיינע חברים האבן זיך מייאש געווען און געזאגט לאמיר צוריקגיין צום האטעל, ווייל זיי זענען געווען זייער מיד און אויסגעמוטשעט און ס'שוין געווען שפעט בערך צוועלף אזייגער, און עס האט נאך אויך גערעגנט.

**אבער איך האב זיי געשטארקט און געזאגט: "ענק וועלן זען מיר וועלן נאך היינט נאכט זיין אין אומאן מיטן אייבערשטנ'ס הילף".**

**און אזוי איז טאקע געווען, מיר האבן זיך געשטעלט בעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל אונז צושטעלן א וועג.**

אבער איך האב זיי געשטארקט און געזאגט: "ענק וועלן זען מיר וועלן נאך היינט נאכט זיין אין אומאן מיטן אייבערשטנ'ס הילף". און אזוי איז טאקע געווען, מיר האבן זיך געשטעלט בעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל אונז צושטעלן א וועג. עס איז שוין געווען צוויי אזייגער פארטאגס ווען א קאר האט זיך אפגעשטעלט נעבן אונז און געפרעגט: "וואו ווילט איר פארן?", "קיין א-ו-מ-א-ן!...", זאגט ער – יא, ער האט געבעטן זייער אסאך געלט אבער אפילו אזוי האבן מיר גלייך מסכים געווען, מיר זעצן זיך אריין אין קאר און געלויבט דעם אייבערשטן



מוהרא"ש זי"ע ביי פדיון נפש אין אומאן

מיר זענען אויפן וועג קיין אומאן! ענדליך! דייקא יעצט ווען ס'האט שוין אויסגעזען אז מיר האבן נישט קיין שום וועג דייקא יעצט איז געקומען די ישועה!

צו דערציילן וואס האט זיך אפגעטון אויפן וועג וועט אנפילן גאנצע פאפירן, אזויפיל מניעות און אפהאלטונגען, מיר האבן ממש געפילט ווי איינער שטייט



שבע ברכותא פון א איניקל ביי ר' יעקב לעסער שליט"א - א' בחוקותי תשפ"ב

און לאזט נישט די קאר פארן און שטופט עס אויף צוריק. מיר זענען געווארן דריי מאל אפגעשטעלט דורך די פאליציי און נאר בדרך נס זיך ארויסגעראטעוועט פון זיי, אזוי אויך האט זיך דער קאר אפאר מאל צובראכן אינמיטן וועג ווייל ס'איז געווען א אלטע קאר, ביז איינמאל האט זיך עס אפגעשטעלט און נישט געקענט ווייטער פארן. דער דרייווער איז ארויס אין די טונקלקייט פון דער נאכט אויפזוכן עפעס א מעקעניק וואס זאל פאררעכטען די קאר, ברוך השם אויפן וועג האט ער געטראפן א גוי וואס האט געהאלפן פאררעכטן דער קאר, אזוי זענען מיר ווייטער געפארן ביז ענדליך בערך פינף אייגער פארטאגס זענען מיר אנגעקומען קיין אומאן. דער דרייווער האט אויסגעשריגן מיט איין שמחה: "אומאן! אומאן!" ווי ס'זעט אויס האט ער שוין אויך געוואלט אנגעקומען און פטור ווערן פון אלע צרות.

ווי נאר מיר האבן געהערט אז מיר זענען אנגעקומען האבן מיר אפגעגעבן א שבח והודאה פאר'ן אייבערשטן אז מיר זענען אנגעקומען אין אומאן, און גלייכצייטיג ווייטער געבעטן אז מיר זאלן זוכה זיין אנצוקומען למחוז חפצינו - דעם הייליגן רבינ'ס ציון. מיר האבן געגעבן פאר דער דרייווער אונזער אדרעס - אוליצא פושקינא 25, ווי ס'זעט אויס האט ער זיך גוט אויסגעקוקט אין די גאסן דארט, און ביז געציילטע מינוט איז ער אנגעקומען צו די אדרעס און זיך אפגעשטעלט. מיר זענען ארויס פון קאר מיט איין שמחה אבער אויך מיט א גרויס ציטערניש, סיי פון די פאליציי אז זיי זאלן אונז נישט כאפן, און סיי פון די גרויסע פארכטיגקייט און הייליגקייט פון די פלאץ ווי מיר גייען יעצט אנקומען - דעם הייליגן ציון. דער דרייווער האט אונז געוויזן מיט די הענט אז ער גייט פאררעכטן די קאר, מיר האבן מסכים געווען ווייל ער האט אונז געזאגט אז ער גייט צוריקקומען און ער האט געוויזן אויפן זייגער אויף זיבן אזייגער, למעשה האט ער אונז אויסגעפאפט ווייל ער איז דעמאלטס אוועקגעפארן און קיינמאל נישט געפלאנט צוריקצוקומען. מיר האבן זיך איינגעדרייט אין די בילינסקי גאס, איינער פון די חברים האט גוט געקענט די וועג לויט וויאזוי איינער וואס איז שוין דא געווען האט אים געהאט פון פריער אויסגעמאלט אויף א פאפיר.

מיר זענען אנגעקומען! מיר עפענען שטילערהייט דעם האלצערנעם צוים וואס האט ארומגענומען די חצר, מיר גייען אריין שא שטיל כדי נישט אויפצוועקן די גוי וואס האט דארט געוואוינט, דא האט זיך מיין חבר צומישט און נישט געקענט טרעפן דעם מקום הציון. איך בין

צוגעגאנגען נעבן פענסטער וואס דארט האט זיך געדארפט געפונען דער ציון און איך האב באמערקט דעם צעמענטענעם שטיקל ערד, איך האב באלד דערקענט אז דא איז דער ציון פון די בילדער וואס מען האט שוין געהאט געדרוקט פון פריער, שטילערהייט האב איך גערופן מיינע חברים אז דאס איז דער פלאץ! מיר האבן געגעבן א קוש דעם ציון און גלייך אנגעהויבן זאגן דעם תיקון הכללי שטילערהייט. נאך וואס מיר האבן געענדיגט די צען קאפיטלעך תהילים אביסל געיאגטערהייט האבן מיר זיך בארואיגט פון די פחדים, ברוך השם מיר האבן זוכה געווען אריינצוכאפן די צען קאפיטלעך תהלים וואס ווערן אנגערופן 'תיקון הכללי' אין דעם הייליגן פלאץ, וואס דער רבי האט צוגעזאגט מיט צוויי באגלייבטע עדות - ר' אהרן פון ברסלב און ר' נפתלי פון נעמירוב - אז ווער עס וועט קומען אויף זיין קבר און זאגן די צען קאפיטלעך תהלים און געבן א פרוטה לצדקה פאר זיינעט

**יענע רגע האב איך זיך געפילט ווי דער גליקליכסטער מענטש אין דער גאנצע וועלט!**

**איך האב געפילט די גן עדן אויף דער וועלט ממש! הלוואי זאל איך פילן א גאנצע לעבן די געפיל און התקשרות צום רבי'ן ווי איך האב דאן געפילט!**

וועגן, אפילו אויב זיינע עבירות זענען גאר גרויס חס ושלום "וועל איך מיך לייגן אין די לענג און אין די ברייט איך זאל אים א טובה טון, ביי די פיאות וועל איך אים ארויס ציען פון שאול תחתית", איך האב מיך טאקע יעצט דערמאנט אז איך האב נאכנישט געגעבן צדקה איך האב אויך דערמאנט פאר מיינע חברים און מיר האבן אלע אפגעשיידט געלט פאר צדקה. פלוצלונג עפנט זיך די טיר און דער גוי קומט ארויס... ער איז שוין מסתם אויפגעשטאנען ווייל עס שוין געווען זעקס אזייגער אינדערפרי. ער שטייט און קוקט אונז אן... ווי ס'קוקט אויס ווארט ער אויף עפעס... איך האב אים גלייך געגעבן א סומע געלט און אזוי אויך א שיינע טאשן זייגער וואס איך האב מיטגעברענגט פאר אים, דעמאלטס איז ער צוריק אריין ביי זיך אינדערהיים און אונז געלאזט אומגעשטערט ווי כאילו ער ווייסט גארנישט און זעט גארנישט. יעצט האבן מיר אנגעהויבן דעם 'יהי רצון'



פדיון הבן ביי א זון פון ר' יעקב לעסער שליט"א בן רבי יצחק שליט"א



מוהרא"ש זי"ע איז משמיע דבורות קודש אין אומאן

וואס מ'זאגט פאר תהלים מיט א רואיגקייט, לאנגזאם, ווארט ביי ווארט, און דערנאך געזאגט נאכאמאל דעם תיקון הכללי און נאכדעם די תפלה פון רבי נתן ז"ל מיט א דביקות און מיט א מורא'דיגע התעוררות.

יענע רגע האב איך זיך געפילט ווי דער גליקליכסטער מענטש אין דער גאנצע וועלט! איך האב געפילט די גן עדן אויף דער וועלט ממש! הלוואי זאל איך פילן א גאנצע לעבן די געפיל און התקשרות צום רבי'ן ווי איך האב דאן געפילט!

דערנאך האב איך זיך משתטח געווען אויפן ציון כמנהג אנשי שלומינו און געמאכט ווידוי דברים פאר'ן צדיק (עיין ליקו"מ ח"א סי' ד') און איך האב מיך מתבודד געווען בערך א שעה. מיר האבן געזען אז ס'איז שוין באלד אכט אזייגער און מיר וועלן שוין נישט אנקומען אין קיעוו פאר סוף זמן תפילה, האבן מיר אנגעטוען טלית און תפילין און געדאווענט דארט שחרית. פאר'ן דאווענען האב איך אנגעצינדן א נר תמיד פון שמן זית וואס איך האב מיטגעברענגט אין א קליין פלעשל און מיר האבן זיך געשטעלט דאווענען מיט א חיות און א מורא'דיגע פרייליכקייט.

נאכ'ן דאווענען האב איך נאכאמאל געזאגט תיקון הכללי און דערמאנט אלע נעמען פון חברים וואס איך זיי צוגעזאגט אז איך וועל זיי אינזין האבן, דערנאך האב איך זיך ווייטער מתבודד געווען און אסאך געבעטן דעם אייבערשטן אויף אלעס וואס איז מיר געליגן אויפן הארץ. ביז עס איז שוין געווארן שפעט, כמעט צען אזייגער, האבן מיר אראפגעלייגט אלע קוויטלעך אויפן ציון, און אויך דעם נר תמיד.

נאכ'ן קושן און זיך געזעגענען פונעם הייליגן ציון זענען מיר ארויס פון דארט.

ערשט יעצט האבן מיר געכאפט אז אלע אונזערע קליידער זענען נאס ווייל א גאנצע צייט וואס מיר האבן פארברענגט ביים ציון האט גערעגנט א לייכטע רעגן און במשך די אלע שעות האט גערעגנט אויף אונז, אבער פון די גרויסע ליכטיגקייט און זיסקייט וואס מיר האבן געפילט דארט האבן מיר בכלל נישט געפילט דער רעגן.

מיר זענען צוריקגעגאנגען צו די פושקינא גאס זוכן אונזער טעקסי אבער ווי אויבנדערמאנט האט דער ערל אונז אויסגעפאפט און נישט צוריקגעקומען. בלית ברירה זענען אונז געגאנגען צופיס די גאנצע וועג ביז די אנדערע זייט פושקינא ביים עק שטאט, דארט האבן מיר געטראפן א טעקסי סטאנציע און ברוך השם מיר האבן גלייך געטראפן א טעקסי וואס זאל אונז צוריקטראגן צו קיעוו צו אונזער האטעל.

ברוך השם די גאנצע וועג צוריק איז אריבער בשלום אן קיין מניעות, נאר ממש צום סוף פאר'ן אריינפארן אין קיעוו האט די פאליציי אונז אפגעשטעלט און געבעטן צו ווייזן אונזער פערמיט. פארשטייט זיך אז מיר האבן נישט געהאט וואס צו ווייזן, זיי האבן אונז געהייסן ארויסגיין און אריינגיין אין זייער אפיס ווי מיר זענען אריבער חקירות ודרישות, אבער ברוך השם נאך בערך א האלבע שעה האט מען אונז געלאזט פריי, און מיר זענען ווייטער געפארן מיט די טעקסי ביז די האטעל.

געלויבט דער אייבערשטער אז מיר האלטן שוין דא!

בס"ד

# הכרת הטוב!

פון טיפן הארץ ווילן מיר אויסדרוקן אונזערע געפילן פון דאנקבארקייט און אויסרופן א הארציגן יישר כח ורגשי תודה פאר די טייערע אנשי חסד, נדבנים חשובים פון די געשעפטן וועלכע האבן מיט זייער גאלדן הארץ מנדב געווען די טייערע און ווערדפולע גורלות ביי די מסיבה של מצוה וועלכע איז פארגעקומען לטובת די בית התבשיל פארגאנגענעם זונטאג עקב.

| | |
|---|---|
| פארקאש טליתים | סאטמאר פלייש ק"י |
| KB Management | טאנץ מיט אמונה פארק |
| Toys 2 Discover | D&S Appliances |
| Boosur | KB Food |
| Tip Top | KB Fish |

הקב"ה ימלא משאלות לבם לטובה בכל מילי דמיטב, זיי זאלן געבענטשט ווערן בכל הברכות האמורות בתורה.

## הנהלת בית התבשיל

## הזוכים בגורל

די גליקליכע געווינערס פון די גורלות זענען

ר' נחמן שמאול יאקאבאוויטש // גראסערי
ר' משולם פינטער // גראסערי
ר' לייבי ראטה // KB Management
ר' שימי פאטריגאל -// D&S Appliances
ר' וואלווי שטערן // D&S Appliances
ר' אברהם דוד לאקס // פארקאש שבת'דיגע טלית בייטל
ר' אייזיק ראטה וויליאמסבורג // טאנץ מיט אמונה

ר' זושא פרידמאן // בשר
ר' מנחם שטיינבערג // סאטמאר פלייש
ר' מרדכי אהרן הײלפרין // סאטמאר פלייש
ר' נחמן נתן קרויס // ה' קייטל
ר' יעקב יאקאבאוויטש // קייטל
ר' אליעזר שטראוס // Toys 2 Discover
ר' הערשי כץ // פיש

# תזכו למצות

## מי כעמך ישראל!

פשוט'ע ווערטער זענען צו טרוקן ארויסצוברענגן די געוואלדיגע געפילן פון הכרת הטוב פאר די פילע משתתפים חשובים וועלכע האבן זיך באטייליגט בגוף ובממון, און געשאנקען פון זייער טייערע צייט און געלט מיט פינאנציעלע און מאראלישע שטיצע פאר די נאבעלע אינטערנעמונגען פונעם בית התבשיל דקהלתינו און די פילע אקטיוויטעטן לטובת הציבור, ביי די רייכע באנקעט "מיט הארץ און נשמה, וואו מען קען נאר העלפן א איד" וועלכע איז פארגעקומען פארגאנגענעם זונטאג עקב. די באטייליגונג פון יעדעם באזונדער גיבט אונז כח, חיזוק, און מוט ווייטער אנצוגיין מיט די עבודת הקודש ביתר שאת וביתר עוז, מרבה צו זיין חסד בקרב קהלתינו, וחלק כחלק יאכלו אלע שותפים האבן אן אייניגע זכות און די אלע מעשי צדקה וחסד וואס איז פון די אוכלי פירותיהם בעוה"ז, די זכות וועט אייך זיכער באגלייטן לאורך ימים ושנים זוכה צו זיין צו אלעם גוטן און השי"ת וועט משפיע זיין פון זיינע אוצרות הטוב להתברך בכל טוב ובכל טוב לנצח.

הר"ר אלי זעלקאוויטש נ"י - הר"ר שלום שניצלער נ"י - הר"ר ראובן בירנבוים נ"י - הר"ר יודא לייב ווייס נ"י - הר"ר נח הערש ווייס נ"י - הר"ר יודל דעפריס נ"י - הר"ר יוסף שניצלער נ"י - הר"ר יצחק משה רייך נ"י - הר"ר בנציון ברוין נ"י - הר"ר ברוך יאקאבאוויטש נ"י - הר"ר אהרן יצחק אפעלדארפער נ"י - הר"ר יואל לאנדא - בלומינגראוו - הר"ר שלמה ראטה נ"י - הר"ר שמעון פיש נ"י

# קלאסיפיידס

א שיינע דריי בעדרום דירה צו פארדינגען אין שטעטל פאר די נעקסטע חודש ביי
177 denman RD.

מען קען עס אויכעט דינגען אויף שבתים

רופט ישראל פוקס אויף איינע פון די צוויי נומערן
845.244.0674 – 845.787.3762




Catskil Proffessional Plaza
עס איז יעצט געווארן אוועליבעל אפאר אפיסעס,
אינעם הערליכן אפיס בילדיגג אין סענטער פון שטעטל
רופט ווילאנג עס איז נאך אוועליבעל.

אברהם אלי' פרידריך
646–938–2503

Catskill Messenger Service
מיר טראגן פעקלעך טעגליך
קעטסקילס, בלומינגבורג, קרית יואל און מאנסי.
און צוריק ביינאכט
מאנסי, קרית יואל, בלומינגבורג, קעטסקילס, און קרית ברסלב ליבערטי.
פרובירט צו רופן א נאכט בעפאר
ברוך אפעלדארפער
914–705–9524




א דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.

אויך שטעלן מיר צו סעודה שבת קודש.

רופט לייבי ראטה
347–578–4449

Electrolysis, Tinting, Waxing

Please call
N. A. Appeldorfer
845-537-9681



# קִינְדֶער אָפְּטֵיילוּנְג

## וֶוער אִיז גְרֶעסֶער? (חלק א)

טֵייעֶרֶע בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר קִינְדֶער, דִי וָואךְ וֶועלְן מִיר דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִיק; דִי מַעֲשֶׂה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט, אַ מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דֶערְצֵיילְט.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ בְּלִינְדֶער מֶענְטְשׁ אוּן אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַן עוֹשֶׁר, בֵּיידֶע פוּן זֵיי, סֵיי דֶער בְּלִינְדֶער אוּן סֵיי דֶער עוֹשֶׁר – זֶענֶען גֶעוֶוען בַּאהַאלְטֶענֶע צַדִיקִים, דִי וָואךְ וֶועלְן מִיר דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה מִיטְ׳ן עוֹשֶׁר, קוּמֶענְדִיגֶער וָואךְ וֶועלְן מִיר דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בְּלִינְדֶער.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, זֵייעֶר אַ רַייכֶער מֶענְטְשׁ, אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין אֵיין פְּרוּטָה פַאר צְדָקָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער קַארְגֶער; קַארְג מֵיינְט אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעלְט אוּן עֶר גֶעבְּט נִישְׁט קַיין צְדָקָה, אַזוֹי רַייךְ וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען – אַזוֹי קַארְג אִיז עֶר גֶעוֶוען. דִי אָרֶעמֶעלַייט פוּן שְׁטָאט פְלֶעגְן אִים שֶׁעלְטְן מִיט אַלֶע קְלָלוֹת, מֶען הָאט אִים זֵייעֶר פַיינְט גֶעהַאט, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבְּן קַיין צְדָקָה.

וֶוען דֶער גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן זֶענֶען אַלֶע גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי לְוַיָה אוּן מֶען הָאט אִים פַארְשֶׁעמְט, מֶען הָאט גֶעשְׁפִּיגְן אוֹיף דִי אָרוֹן, מֶען הָאט גֶעלַאכְט אוּן מֶען הָאט גֶעשְׁרִיגְן מִיאוּסְ׳עֶ וֶוערְטֶער. אוֹיךְ וֶוען דִי מִשְׁפָּחָה הָאט גֶעוָואלְט בַּאעֶרְדִיגְן דֶעם נִפְטָר הָאבְּן אַלֶע אָרֶעמֶעלַייט גֶעשְׁטֶערְט דִי קְבוּרָה, מֶען הָאט גֶעשְׁרִיגְן אַז מֶען טָאר אִים נִישְׁט מְקַבֵר זַיין וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער קַמְצָן, אוּן פַאר אַזַא מֶענְטְשׁ קוּמְט נִישְׁט קַיין כְּבוֹד הַמֵּת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

פְּלוּצְלוּנְג אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער רַעַשׁ אִין שְׁטָאט, דֶער בֶּעקֶער הָאט מֶער נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין בְּרוֹיט מִיט חַלוֹת פַאר דִי אָרֶעמֶעלַייט, דֶער פְּרוּכְט סוֹחֵר הָאט מֶער נִישְׁט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי אָרֶעמֶעלַייט פְּרוּכְט אוּן גְרִינְצֵייג, דֶער בוּטְשֶׁער הָאט מֶער נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין פְלֵייש פַאר דִי אָרֶעמֶעלַייט; וֶוען מֶען הָאט זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "וָואס גֵייט דָא פָאר? פַארְוָואס גֶעבְּן עֶנְק מֶער נִישְׁט קַיין עֶסְן פַאר דִי אָרֶעמֶעלַייט?" הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "בִּיז יֶעצְט פְלֶעגְט דֶער עוֹשֶׁר אוּנְז גֶעבְּן שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעלְט, עֶר הָאט אוּנְז בַּאשְׁוואוירְן אַז מִיר טָארְן נִישְׁט דֶערְצֵיילְן אַז דִי גֶעלְט קוּמְט פוּן אִים; מִיר הָאבְּן אַלֶע יָארְן גֶעגֶעבְּן פַאר דִי אָרֶעמֶעלַייט נָאר צוּלִיבּ דֶעם גְרוֹיסְן עוֹשֶׁר, דֶער עוֹשֶׁר אִיז גֶעוֶוען אַ בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִיק, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מֶען זָאל וִויסְן אַז עֶר גֶעבְּט צְדָקָה, עֶר הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל אִים הַאלְטְן פַאר אַ קַארְגֶער, אוּן הֶיוֹת עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן קֶענֶען מִיר מֶער נִישְׁט גֶעבְּן קַיין עֶסְן".




הַא הַא, דֶער קַארְגֶער עוֹשֶׁר!

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועלְן מִיר אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם עֶנְדִיגְן דִי צְוֵויטֶע חֵלֶק מַעֲשֶׂה.

קִינְדֶער, מִיר נֶעמֶען אַרוֹיס פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע מַעֲשֶׂה, אַז עֶס זֶענֶען דָא בַּאהַאלְטֶענֶע צַדִיקִים וָואס טוּעֶן שְׁטִילֶערְהֵייט צְדָקָה, זֵיי הֶעלְפְן מֶענְטְשְׁן אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט פוּן זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע מַעֲשִׂים. פוּן אִינְדְרוֹיסְן שְׁפֶּעט מֶען פוּן זֵיי, מֶען רֶעדְט אוֹיף זֵיי שְׁלֶעכְטְס, מֶען מֵיינְט אַז זֵיי זֶענֶען שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן, אָבֶער בֶּאֱמֶת זֶענֶען זֵיי בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי טוּעֶן אַלֶעס נָאר פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס וֶועגְן.

# טרעף

## די פאלגנדע ווערטער

דעם היילִיגן רבינ'ס ראש השנה, פון באשעפער א מתנה, צי מיט באנען צי עראפלאנען, גרעסערס פון דעם איז נישט פארהאנען, אלע סארטן און אלע מיני, אידן דערהויבנע און צוריסענע, סיי מוצלחים און סיי צושניטענע, קומען צום רבין אויף ראש השנה, טאטע העלף איך זאל דארט זיין! טאטע ברענגט מיך קיין אומאן! לאמיר בעטן נאך איין תפלה, דאס איז די בעסטע סגולה! טאטע העלף איך זאל דארט זיין! טאטע ברענגט מיך קיין אומאן! טאטע געב אונז א גרינגע נסיעה, אן קיין איין מניעה, הראש השנה שלי, עולה על הכל, ומי שזוכה להיות אצלו צריך לשמוח מאוד, הראש השנה שלי, הוא חידוש גדול, הראש השנה שלי, עולה על הכל,

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ת | ע | נ | ע | ס | י | ר | ו | צ | ט | ר | א | ד | א | ק | נ | ו | ו | צ | ש | י | י | פ | ו | ח |
| ל | מ | י | ג | ר | ש | ד | ל | ע | ח | א | ל | ה | ל | י | ב | ה | ק | ל | ס | א | א | י | ד | נ |
| י | כ | ז | א | ל | מ | נ | ש | ט | נ | ת | ט | נ | ש | ז | א | ש | כ | נ | ו | פ | ש | ז | ת | א |
| ע | ע | י | ל | א | ת | י | ו | א | ט | ו | א | ע | ה | נ | א | ה | ר | ה | ע | נ | מ | ג | ש | ש |
| ח | פ | ש | א | ה | ט | ד | נ | ט | ש | י | נ | ד | צ | ה | י | ח | ז | ה | ע | נ | ה | ע | ש | צ |
| ז | ג | נ | ל | י | ג | ס | ע | ר | י | ל | ש | ע | צ | ת | ז | מ | ד | ג | ש | ג | א | ב | ע | כ |
| צ | ר | י | ר | צ | מ | ק | נ | ג | ק | ח | א | ג | נ | ל | ל | נ | ר | ק | ד | ת | נ | ב | ת | ת |
| כ | ט | ג | נ | ע | ר | ב | א | ו | ל | צ | א | ט | ח | א | ע | ת | ו | ק | נ | ו | א | י | ל | ל |
| ר | ר | כ | א | ה | ל | ג | ה | ה | צ | מ | ז | ח | ה | ש | ל | ת | ס | א | א | ח | ל | ט | ר | ת |
| ח | ר | ת | מ | ש | ר | ה | ר | צ | ו | ט | כ | ב | ל | צ | ש | פ | כ | ו | ה | ג | ע | ר | י | ג |
| ד | ק | צ | פ | נ | ח | ל | א | פ | מ | א | ו | ד | ד | א | ס | ל | א | מ | ב | ו | א | ה | צ | מ |
| ע | ה | ל | ת | ה | ע | ו | פ | ל | ס | ס | ג | ק | ר | נ | ל | ה | נ | ר | ה | ד | י | מ | ו | ט |
| ר | ע | ס | פ | נ | ט | א | ו | ה | ל | ד | י | ה | ש | ש | ס | נ | ק | א | ע | ש | י | ב | ו | ת |
| ה | ו | ר | ל | י | ב | ז | ש | פ | נ | י | נ | ט | ע | ב | א | א | ר | ע | ז | מ | נ | ס | צ | ל |
| ו | מ | ע | פ | ס | ה | נ | ד | ב | נ | פ | כ | י | מ | נ | כ | מ | ר | ה | י | י | ל | י | ג | נ |
| י | נ | ס | ב | כ | ה | ד | ד | י | ד | א | ד | ח | ע | ל | ק | ו | ד | ט | י | נ | ח | ט | ח | ק |
| ב | י | ע | ד | ט | ל | ב | ל | ז | ר | ה | ח | ז | ה | ט | ע | א | ט | ג | נ | ע | ר | ב | ו | י |
| נ | ע | ר | ר | א | ל | פ | כ | ו | א | פ | ר | י | ה | ק | ט | ק | י | ח | צ | כ | י | מ | מ | י |
| ע | ה | ג | ה | ל | ר | פ | י | ו | ש | ה | ו | ר | ש | צ | ע | פ | ל | ע | ה | ט | ע | י | ש | ד |
| ר | ל | ס | ע | צ | ק | ט | ו | ה | ל | ת | ב | ט | ו | צ | י | ו | ו | ר | ז | נ | ח | ב | ל | ז |
| א | ו | י | י | י | ר | ס | ס | נ | י | י | ק | ש | ד | צ | ל | ס | ח | ש | ת | ל | ש | ק | י | ז |
| פ | ע | נ | ס | י | ז | ש | ט | ע | נ | י | נ | ס | י | ק | ק | ו | ב | ז | צ | א | ש | ה | ה | נ |
| ע | ת | י | נ | ר | ס | א | א | ס | ז | י | ח | ט | ח | נ | י | ג | נ | ו | פ | ק | ס | ס | נ | ה |
| פ | ט | י | ר | פ | ט | ש | ג | ש | ט | ס | כ | ש | ח | ת | ש | י | מ | כ | ה | י | ט | ד | ש | ז |
| כ | י | א | ש | ע | נ | ו | א | ע | ע | ל | א | ק | ז | י | ד | ר | נ | ה | ת | ס | ש | נ | ה | י |
| א | מ | ת | ט | ד | ל | ת | נ | כ | ר | ר | נ | ד | צ | י | ה | כ | י | ר | צ | ז | ה | כ | ע | י |
| ט | א | ט | ע | ה | ז | ע | ש | ג | ט | ר | צ | ש | פ | ס | א | ט | ש | י | ט | ה | ל | ט | א | נ |
| ד | מ | מ | ר | ע | פ | ע | ש | א | ב | נ | ק | ג | ח | מ | מ | א | ס | ז | ח | ח | ס | י | א | י |
| מ | ע | ד | כ | ק | ז | מ | צ | י | ז | ז | ה | ל | ו | ע | ר | ע | ו | ט | ג | ע | א | כ | ד | ג |
| ו | צ | י | י | צ | ת | כ | נ | נ | א | ע | ש | א | ר | ה | י | נ | י | מ | ב | מ | ו | פ | כ | נ |
| ח | ו | ע | ל | נ | ת | א | י | ו | ט | פ | ל | א | ז | ר | ט | א | ש | ב | א | ר | י | מ | א | ל |
| ז | ה | ל | ה | ש | פ | ס | ו | ו | ב | ס | ג | ט | ת | ש | ד | ט | ש | ט | ז | נ | פ | ע | א | מ |



# א שיעור מיטן רבי'ן

## אמת

**מא.** מִי שֶׁאוֹהֵב כְּזָבִים, הוּא מְבַזֶּה אֶת הַצַּדִּיק גַּם הוּא בְּעַצְמוֹ נִתְבַּזֶּה.

**טייטש.** וֶוער עֶס הָאבּ לִיבּ צוּ זָאגְןלִיגְנְט, דֶער פַּארְשֶׁעמְט דֶעם צַדִּיק, אוּן עֶר אַלֵיין וֶוערְט אוֹיךְ פַּארְשֶׁעמְט.

# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | 2 | | 5 | | 6 |
| | 1 | | | | |
| | | | 3 | | 1 |
| | | | | 4 | |
| | 5 | | | | 2 |
| 3 | | | | | |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | 4 | 3 | 1 | 9 | 7 | 5 | 8 | |
| | | | 3 | | 6 | | | |
| 7 | 8 | 6 | | | | 3 | 1 | 9 |
| | | | 9 | 7 | 2 | | | |
| 4 | | 2 | | | | 9 | | 5 |
| | | | 4 | 5 | 1 | | | |
| 1 | 9 | 4 | | | | 6 | 5 | 7 |
| | | | 5 | | 9 | | | |
| | 6 | 8 | 7 | 1 | 4 | 2 | 9 | |



# חידות
## אפטיילונג

**דער הייליגער רבי האט געזאגט: דריי זאכן דארף מען טוהן ראש השנה**

א. טראכטן נאר גוט

ב. זיין פרייליך

ג. וויינען

ד. זיך פארנעמען גוטע קבלות

**שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער הייליגער רבי האט געזאגט: יא עסן נישט

**ענטפער:** עסן יא שלאפן נישט שלאפן יא דאווענען נישט דאווענען אבי זיין מיר אויף ראש השנה

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז

**יוסי פעלדמאן נ"י - קרית ברסלב**

שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161








העלף נחמן נתן זאגן תיקון הכללי ביים רבינ'ס ציון

# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה פרשת כי תבא?

## פון אויבן אראפ.

1. אנשטאט שפילן מיטן ____, זאלסטו האלטן אין האנט א גמרא א משניות, ספרים פון רבי'ן

3. חזר'ט אמונה, דער אייבערשטער איז נאר ____

5. בלייב ____ מיט התבודדות און תפלה

7. ווער עס קומט צו מיר אויף ____ ____ דארף זיין פריילך א גאנץ יאר

9. ווער עס הערט די נייעס, דער איז ____, די נייעס לאזט נישט לעבן

11. נעמט די ____ און לעבט מיט דעם

12. איינער וואס קען מיך דערנענטערן צום אייבערשטן, דאס איז די גרעסטע ____, דאס איז א רבי

13. ווי מער מען רעדט און מען שמועסט צום אייבערשטן, ווערט מען מער ____ מיט זיך

14. ברסלב איז נישט קיין פלאץ, ברסלב איז ____

17. טוט אלעס אין דער וועלט עס זאל זיין ____ אין שטוב

## פון רעכטס צו לינקס.

2. דער רבי שיינט אריין אמונה, מען זאל גלייבן אז אלעס איז דער ____

4. קיין שום זאך פאסירט פערצופאל, אלעס האט א ____

6. ____ זיך און דערהאלט זיך

8. אז עס איז דיר שווער צו זיין פריילך, ____ זיך פריילך

9. ווען א ____ גייט אוועק פון די וועלט איז דאס אזוי ווי ער גייט ארויס פון איין שטוב צו א צווייטע שטוב

10. וואס איר דארפט זאלט איר ____ דעם אייבערשטן

11. בלייב שטארק מיט דיין ____ ____, מיט די דריי תפילות יעדן טאג דוקא מיט מנין

15. שטארק זיך מיט ____ מאכן אידישע קינדער

16. מען דארף נישט קיין ____ פון קיינעם צו הערן חיזוק און עצות פון צדיקים

18. דו ____ צום רבי'ן און דער רבי וועט דיר מתקן זיין



די ענטפערס פון פאריגע וואך



# בילדער

## אפטיילונג










מען גרייט צו די חתונה אין בית המדרש פון גדלי' אפפעל הי"ו - א' כי תבא







פרייליכע חתונה אין ישיבה פון החתן גדלי' נ"י בן ר' אייזיק אפפעל הי"ו א' כי תבא




שבע ברכות אין שטעטל פון החתן יודא אייזנער הי"ו א' כי תבא




מען אינסטאלירט נייעס פענסטערס ביים נייעם בנין התלמוד תורה אין שטעטל 33 טשעסנאט

בס"ד

# אתרוגי ברסלב

## מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועלן מיר פארקויפן

## ד' מינים

אין קרית ברסלב 181Huschke Rd.

זונטאג מאנטאג און דאנערשטאג פרשת האזינו

ביי מנחה מעריב

אין וויליאמסבורג 27Skillman st.

נאכ'ן שיעור פונעם ראש ישיבה שליט'א



ר' בנציון יאקאבאוויטש 347-585-9054

ר' יחזקאל שארף 917-936-6079

בס"ד

ענבי הגפן בענבי הגפן

# ברכת מזל טוב

שלוחה בזאת קדם ידידינו היקר עוסק בצרכי ציבור באמונה, שלוחו של מורינו הראש ישיבה שליט"א למען מוסדותינו בארץ הקודש.

**מוה"ר אייזיק אפפעל שליט"א**

**לרגל נישואי בנו היקר מוה"ר גדלי' נ"י**

עב"ג בת הרה"ח ר' יצחק יואל גברא שליט"א

בשעטו"מ

יה"ר מלפני אבינו שבשמים שיזכו לבנות בית נאמן בישראל בניין עדי עד לשם ולתפארת, ויזכה לראות נחת מכל צאצאיו, מתוך שמחה ואושר והרחבת הדעת.

ויזכה להמשיך במפעליו הכבירים למען מוסדותינו הקדושים

המברכים

**הנהלת המוסדות בארץ הקודש**